STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09724

OYFN VEG FUN DOYRES

J. L. Kaluschiner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. קאַלושינער

אויפן וועג פון דורות

אַרויסגעגעבן פון אַ שרייבער קאָמיטעט
מיט דער מיטהילף פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאַנד
ניו־יאָרק, 1949

דערשיינט אין 1,500 עקזעמפּליאַרן.
געדרוקט אין גרעניטש פּרינטינג קאָרפּ., נ. י.
פֿאַרערבלאַט און שלום צייכענונג פֿון קינסטלער אברהם וואָלקאָוויץ.
אינעווייניקסטע באַצירונגען פֿון קינסטלער יהודה טאָפּעל.

OIFN WEG FUN DOIRES

ON THE PATH OF GENERATIONS

Poems by

J. L. KALUSCHINER

Copyright, 1949, by
J. L. KALUSCHINER
1690 President St., Brooklyn 13, N. Y.

איך דריק אויס מיין האַרציקן דאַנק
צום בוך-קאָמיטעט, צום איגנאַטאָוו-
פֿאָנד, און צו אַלע מיינע פֿריינט, וואָס
האָבן מעגלעך געמאַכט, אַז דאָס בוך
זאָל דערשיינען.
י. ל. ק.

צו דיר, מיין אסתר מלכה

(סאָנעט)

מיט תפילה אין די אויגן, מיט בטחון אין געדאַנק,
אָ, מאַכסטו שלום מיט דעם טאָג, אַיעדן אינדערפרי.
כאָטש נעכטן האָט דאָס לעבן מיר געקאַרגט די רו נאָך מי —
די שעהן זאָלן זיך דורך נאַכט, אָן שלאָף ניט ציען לאַנג.

דו ביסט פאַר מיר די וועלט, וואָס האָט אַ זין דאָ אויף דער ערד, —
די ווידיע פון באַגין, וואָס וואַרפט די שיין אויף מיינע טעג.
איז רייך מיין לעבן, כאָטש די אָרעמקייט גייט נאָך אין וועג,
און ס'האָט ניט איינמאָל מיר, דאָס מזל, גאַנצע פרייד פאַרוועהרט.

פאַרגייען ווי די שאָטנס פון דער נאַכט אין מזרח-שיין,
די טעג, וואָס האָבן ניט גענומען מיך אין פרייד אַריין; —
מיט יאוש ווי פון האַרבסט, מיין בליק אין וועג פאַר מיר פאַרשטעלט.

פאַרמעק איך פון געדאַנק, די נויט וואָס שיידט זיך ניט מיט מיר,
כאָטש ס'טרעפט אַמאָל אין שעה פון באַנג, דאָס גליק קלאַפּט אָן אין טיר,
און ליכטיקט אויף אַ ווייל מיר אויס, די ווינקלען פון מיין וועלט.

1949 .נ. י

אָפּטיילונגען:

	זייטן
ווידמונג	3
אַ יורש פון מיין שטאַם	7—33
רות	34—38
פון ווייט צו ווייט	41—76
גערויש אין דער וועלט	79—115
אויפן וועג פון דורות (סאָנעטן־רינג)	116—130
זון און רויך	133—164
ווען פרילינג קומט	167—186
ידיעות	189—221
אינהאַלט	222—224

באַצירונגען פון אברהם וואַלקאָוויץ און יהודה טאָפּעל

◆

מחבר פון די ביכער:

„אַרום מיר"

פאַרלאַג „פעדער", ניו־יאָרק, 1922

„סאָנעטן"

פאַרלאַג א. וו. בידערמאַן, ניו־יאָרק, 1932

אַ יורש פון מיין שטאַם

אומרו

(סאָנעט)

נאָך שלאָפט ניט איין ביי מיר אין האַרץ, דער אומרו פון מיין דור,
וואָס האָט זיין לעבן ניט געלעבט אין זיינע טעג און נעכט,
נאָר מיט דעם שטן אין דער וועלט געוועזן אין געפעכט,
געראַנגלט זיך אַרום מיט עלנט אַלץ פון יאָר צו יאָר.

און מיט דעם טרויער פון מיין אומרו, גייען טעג פאַרביי,
ווי וואַסערפאַלן אויף אַ טייך, וואָס לויפן צו דער ווייט,
צעלאָזן שפורן פון מיין לעבן אין דער שווערער צייט,
ווען פלאַמען האָבן דורכגעשניטן הימלען — גרוי ווי בליי.

און מיינע טריט געשטעלט צוזאַרגנס, נאָך פון צער געוועבט;
— צעהענגען פאַר די אויגן מיר, די וויזיע פון אַמאָל,
ווען ס'האָט מיין חלום נאָך געבליט אין טעג אויף באַרג און טאָל.

און מיט מיין פרילינג, ווען איך האָב אין הימלען נאָך געשוועבט;
— אַנטקעגן גיי איך היינט דעם וועג צו זען אַ שפור פון גליק,
כאָטש פחד טרייבט מיך בייז צום עלנט פון מיין דור צוריק.

ג ע ז אַ נ ג ע ן

געזאַנגען.
— לשון פון מיין הארץ אין שעה פון נאַכט.
מיט דעם לויף פון ווינטן פריי און ניט באַוואַכט,
צעטראָגסטו זיך דורך הויכן אין דער וועלט.
— וואו טראָגט איר זיך, ניגונים פון מיין הארץ, אַוועק
איבער וועגן ווייט? פון אימה ניט פאַרשטעלט?
עס זאָל ניט ווער פאַרשלינגען פון מיין טאָג די קלאַנגען.
— ווייסט ערגעץ ווער, אַחוץ ווי איר אַליין.
ווי דאָס לעבן קאָרגט מיר רו און האַלט מיך ווי געפאַנגען,
איינגעשפאַנט מיט משא צו צעטרעטן מיינע טעג,
איך זאָל די שיין פון הויכן איבער זיך אויך ווייניק זען?

געזאַנגען.
— לשון פון מיין הארץ אין שעה פון נאַכט,
דו טראָגסט דאָס ליד אַוועק פון מיר, פון מיינע יאָרן,
איבער ים און לאַנד, אין טיפן הויך אַריין;
— קלאַנגען טראָגן זיך, איך בין אַ בויער אויף דער ערד געוואָרן,
וואו עס האָט אַ זין אויך אין דער וועלט מיין זיין;
— מיין בליק, מיין געדאַנק און מיין מאַכט.
דאָס לעבן נערט מיך, איך זאָל שטאַרקן מיינע הענט;
— בויען, אַקערן און ברעכן ווענט; —
מיין ראָד באַוועגן צו דערגרייכן אין דער ווייט,
איך זאָל מיין וועג פאַרביי מיט חשבון דורך דער צייט.

אין דערהויבונג

מיין הארץ —
אַ באַהאַלטענער אַרכיוו מיט דורות ליכט.
טראָג איך דעם אוצר מיט זיך דורך דעם וועג פון טרויער,
ווי דער וואַנדערער זיין ביסל געטראַנק,
אויף דעם ווינטיקן וועג אין מדבר.
איך האָב אין טעג פון בטחון די שפּראָצונגען פון פרילינג
געזאַמלט אין הייליקע רגעס פון אויפבליץ אין מיר;
אין פאַרטראַכטונגען מיינע פון צאַלרייכע מאָרגנס,
וואָס זיינען געקומען נאָך נאַכט אין באַגין,
באַלאַדן מיט ליד און שיין.
טראָג איך מיט אָנזאָג דעם קוואַליקן אוצר פון אויפגאַנג
דורך וועגן פון חורבות, פון די פאַרלאָשענע היימען.
גיי איך מיט דעם אָפּקלאַנג פון נעכטיקן צער אויף היינטיקער ערד,
פאַרביי דאָס רשעות פון דער וועלט;
און כ'וויל כאָטש אין דערהויבונג פון מיין חלום
לינדערן דעם וויי מיט באַהאַלטענער יוגנט־פרייד,
וואָס איז מיר געבליבן אין זכרון פון אַמאָל.

אין דער פרעמד

גייט פאַר מיר פאַרביי אַ קאַראַוואַן,
וואָס שלעפּט זיך אין אַ פערד־געשפּאַן;
וועגענער מיט משא אָנגעלאָדן און פון שטויב פאַרשטעלט,
פאָרן פון דער פרעמד אין ווייט אַוועק דורך וואַלד און פעלד,
אַנטקעגן בערג צום הימל אויפגעטורעמט און באַדעקט מיט שניי;
— אַזוי מיר דאַכט, איך גיי מיט מיינע טעג,
דורך בערג און וואַלד, אַ האַרבסט פאַרביי,
ניט געשיידט פון אומרו, צער און שרעק.

און ווי דער גאַנג פון קאַראַוואַן,
ווערט ניט מיד אין האַרץ דער גלויבן אין מיין שפּאַן,
מעג נאָך אַ טאָג פון מיר פאַרגיין אָן זון־פאַרגאַנג
און מיך לאָזן ווי באַרוישט פון פויקן־קלאַנג.
און מיט דעם שטויב פון וועגענער וואָס הויבט זיך ווי אַ רויך,
טראָגן איבער מיר זיך ווילדע קלאַנגען נאָך אין הויך,
פאַרשטעלן מיר די זון ניט איין מאָל פאַר מיין בליק;
— איך זאָל ווי דורות הינטער מיר אין ווינקלען גיין צוריק,
דאָס אויפגיין פון אַ ניי באַגין פאַר זיך ניט זען.

שלאָפט ניט איין דער ווי פון דור צו דור נאָך אין מיין געביין,
וואו איך זאָל ניט גיין אַנטקעגן נאָר אָן ערב יום־טוב־שיין;
— גייט דער גרויל פון אומקום דורך מעת־לעתן נאָך אין וועג,
און לאָזט מיך ניט אין פרעמד מער, צו מיין מאָרגן בלייבן שטיין,
כאָטש עס גייען נאָך פאַר מיר פאַרביי פון נעכטן מיינע טעג.

אַ יורש פון מיין שטאַם

איבער מיר,
נאָך יעדן שפּאַן אַלץ פון מיין טראָט,
גייט מיר נאָך דער קלאַנג פון פרי׳ר;
די בענטשונג פון מיין דור;
— „באַשיצן זאָל דיך גאָט,
דו זאָלסט אויף די וועגן צום אויפבויאונג זען
מיט אויגן צעעפנט און קלאָר,
דורך פרעמדן צוגיין
אין טעג פון יאָר.“

טראָג איך מיט זיך אין געדאַנק יענע טעג;
די בענטשונג צו גיין און מצליח זיין אין וועג; —

מיין בליק זאָל ניט פאַלן מיט פּיין צו דער ערד,
ווען ס׳וועט פון אַ רשע מיר ווערן אַ חלום צעשטערט
און קוקן מיט יאוש פון צער אויף מיין בילד;
וואו כ׳האָב שוין מעת־לעתן צום ציל דאָ פאַרשפּילט.

און אַזוי
ווי די זון אין הימל — בלוי,
האָבן אויך פאַר מיר אין גאַנג פון טעג,
די יאָרן אויפגעשיינט מיט אַנזאָג שוין אויף פרייד,
און פרי פאַר מיר דאָ אָפּגעבליט אויך פאַר דער צייט,
ווי צווייגן פון אַ בוים פון כמאַרעס אָפּט פאַרשטעלט,
אין מיטן גיין אין וועג,
אויף ווייטן אין דער וועלט.

און אַזוי,
ווי דער טאָג אין פרי־באַגין נאָך צוגעדעקט מיט טוי,
גיי איך אין דער וועלט אַריין מיט גלויבן און באַגער,
ווי עס פּאַסט מיר פון מיין שטאַם אַ יורש זיין,
צו שניידן וועגן, ס׳זאָל אויף זיי אַרויף פון זון די שיין,
כאָטש די מי צום אויפבוי פון מיין בנין איז נאָך שווער.

ליכט פון מיין שטאַם

(סאָנעט)

ניט תמיד וועט מיין לעבן זיין אַן אומוועג בלויז,
פאַרנעפּלען אויפגאַנג־טעג, מיט נאַכט אַנטקעגן מיר;
אַ פרעמדער גיין אין וועג פאַרשעמט פון טיר נאָך טיר,
און הערן אין מיין טראַט, ווי נאָך אַ טרוים גייט אויס.

און ווי דער עלנט זאָל נאָך שווייגן פון געברויז;
פון גרויל וואָס גייט מיר נאָך פון ווייט דורך טעג און נעכט,
פאַרבלייב איך מיט מיין שאָטן איינזאַם אַן געפעכט,
אין שעה פון זון־פאַרגאַנג, וואָס נידערט אַן געררויש.

דאָס ליד פון האַרבסט, וואָס טראָגט אַרום זיך מיט דעם ווינט,
רייסט שטיקער זומער־טעג אַראָפּ פון וואַלד און פעלד;
— צעשטערן ניט די זעאונג פון מיין טאַטנס וועלט.

און מעג אַרום דאָס לעבן, זיין צו מיר ווי בלינד,
איך זאָל אין טעג ניט זען אויף מיר אַ בליק פון שיין;
— וועט נאָר דאָס ליכט פון דורות אין מיין האַרץ אַריין.

נאָך אַמאָל

(סאָנעט)

מיט אומרעכט, איז ווי נעכטן נאָך אַ טאָג אַוועק,
און ניט דערהערט מיין טראָט אויף שווערע וועגן.
געקומען איז פאַר מיר די פרעמד אַנטקעגן,
וואָס האָט ניט איין מאָל מיך געהאַלטן שוין אין שרעק.

ניט איינמאָל האָב איך דאָ געבלעטערט מיינע טעג,
וואָס זיינען הינטער מיר ווי שוים געבליבן:
דאָס לעבן האָט פון יוגנט מיך פאַרטריבן,
פאַר מיר דעם מאָרגן צוגעדעקט ווי מיט אַ דעק.

און ווי דער פרילינג קומט ניט אָן זיין בלי אויף ערד,
דעם וועלק פאַרדעקן, וואָס דער נעכטן האָט צעשטערט;
— דערגייט ביינאַכט צו מיר, אָן אָפּשיין פון אַ שטערן.

נאָך קוק איך צו דעם מזרח יעדן אינדערפרי,
צו וועט דאָס ליכט באַלייכטן פאַר דער וועלט מיין מי;
איך זאָל אַ ניגון פון אַ יום־טוב שוין דערהערן?

אַ ניגון

מיט דעם חוב פון דורות, וואָס דאָס לעבן לייגט אויף מיר;
— איך זאָל ניט ציילן מיינע טעג צום ציל —
בלייב איך ניט, ווי נעכטן, שטיין ביים טיר
און קוק ניט אויף צוריק, צום עלנט שטיל.

גיי איך, ווי מיין טאַטע, מיט הבטחה, מיט באַגער
צעעפענען אַ טיר — אַרויס פון פרעמד;
כאָטש ניט איינמאָל האָט געזוכט די וועלט מיר מאַכן שווער,
געלאָזן מיך אין ליכט פון טאָג פאַרשעמט.

לאָז איך נעכטנס, ווי מיין דור, מיט ניט געציילטע טריט,
די פרילינגגן פאַרוויאַנעט אין דעם בלי.
כ'הער זיין ניגון פון אַ חלום — ניט צו ווערן מיד —
וואָס טראָגט צו מיר זיך מיט געזאַנג פון מי:

— „פאַרגיין פון זומער לאָזט דעם וואַלד אויף אייביק ניט אין שרעק,
מיט ווינטער צוגעדעקט די ערד אין פעלד:
דורך בערג און שטיינער איילט אַ וואַסער־שטראָם אין ווייט אַוועק,
און ווערט פון לויפן ניט פון האַרבסט פאַרשטעלט.

„פאַרגיין פון יאָרן האָט צעליכטיקט פון מיין שטאָם זיין טרוים;
אַ גלויבן האָט זיין בליק דערהויבן הויך,
פון וואָלקנס שניידט די זון, אַ וועג אַרויסצוגיין אין רוים,
און שטיקער נאַכט צעבלאָזן ווי אַ רויך."

ל י כ ט

מיט מיר,
אויף דער ערד,
גייען נאָך מיט מיין יעדן באַוועג;
עכאָס פון דורות וואָס קייטלען מיין שטאַם.
בין איך אין זכות דאָ פון זיי,
אַן אורח אַצינד ביי דער וועלט,
וואָס האַלט מיך אַ ווייל אויף דער ערד;
באַקום מיט פיין, דאָס לעבן פון דער צייט,
צוגיין מיט שליחות דורך יאָרן פון טעג,
און באַצירן די וועלט מיט באַשאַף.

גיי איך אַזוי נאָך באַפעלן פון טעג,
מיט אומרו באַשווערט אַלץ אין גאַנג צו מיין ציל,
ווי כ׳קום אַלע מאָל נאָך מיט מאַנונג אַרויס;
אויף פרעמדן אין וויט אויף דער ערד.

כאָטש דער הימל זיך רויטלט מיט פאַרבן,
און שפילט זיך אַרום ווי מיט מיר;
צעפינצטערט און ליכטיקט די וויטן,
וואו כ׳שטעל נאָר צום אויפטאָג מיין טראָט —
גיי איך פון נעכטן אין מאָרגן אַריין,
מיט פרילינג מיט נייעם אין בליק.
און איך, ווי אַ דור נאָך אַ דור הינטער מיר,
גיי אין מקומות אַוועק,
און טראָג אַזוי מיט אין זכרון;
באַגערן פון דורות,
וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט צו גרייכן,
צום טרוימיקן אויפגאַנג פון ליכט.

ג. י. 1923

ז ע א ו נ ג ע ן

.1

צעגייען מיר די טעג, ווי שניי־בערג אין דער זון צעבלענדט,
וואו איך פאַרליר אין זיי זיך אין געדויש
און כאַטש אַ פלעמל צו אַ נייעם לעבן אין מיר ברענט,
פאַרשריען ווער איך אַלץ נאָך פון געברויז;

— איך זאָל ניט מיט מיין בליק צערייסן פינצטערניש פון רויך,
די ווייט זאָל ווערן פאַר מיר אויפגעמאַכט,
עס זאָל אַ יום־טוב ליד דערהויבן מיך פון נידער, הויך,
און ווערן ניט פאַרלוירן פון דער נאַכט.

איך זאָל אין אויפלעב פון מיין חלום אין דער ווייט דערזען;
— עס שיילט פאַר מיר, אַ נייער טאָג זיך אויס.
מיין לעבן זאָל ניט, ווי דער נעכטן אומבאַמערקט פאַרגיין,
פאַרשלונגען ווערן פון אַ האַרבסט־געדויש.

.2

מיין מאָרגן, ווי אַן אינדזל אויפגעדעקט אין מיטן ים,
נאָך יאָרן טרינקען זיך אין וואַסער טיף;
זאָל זיין פאַר מיר דער נייער טאָג מיט שיין פון מזרח־פלאַם,
וואָס שווימט אַרויס פון ווייטן ווי אַ שיף.

צעזינגען זאָל זיך פרייד אין האַרץ פון ניי באַגין פאַר מיר,
איך זאָל מיין טראָט ניט פילן אויף דער ערד.
און מיט מיין בליק צעעפענען פון עלנט — טיר נאָך טיר,
וואָס האָט אויף וועגן מיר די רו צעשטערט;

מיין ליד פון אויפגיין, זאָל דערגרייכן איבער ים און לאַנד,
וואו אומעט איז געוועזן פון נאַכט פאַרשטעלט.
די שיין פון טאָג צעלייגן זאָל זיך איבער פלויט און וואַנט,
פאַרמעקן עלנט מיינעם אין דער וועלט.

נאָך אַ טאָג

נאָך אַמאָל
האָט היינט די זון געוואָרפן אינדערפרי
איר פייערדיקן בליק פון הויך אַראָפּ צו מיר, —
ווי די וועגן פאַר מיין טראָט דאָ צו באַשיינען פון דאָס ניי,
איך זאָל איצט קומען מיט מיין כוח און מי,
מיט דער וועלט אַלץ מער נאָך אין באַריר.
איז פאַר די אויגן, מיר געבליבן הענגען פריי:
— זון און רויך.
איז צוגעקומען נאָך צו מיין פאַרמעג — קאַרג אין צאָל;
נאָך אַ טאָג, וואָס האָט מיין בליק באַגלייט מיט שיין;
איך זאָל אין אויפשטייג פון דער נזיט, דערבליקן זיך אַליין,
און קלאָרער נאָך דערזען די וועלט אין מיין געדאַנק.
גייט מיין גלויבן מיט דער שיין פאַראויס פאַר מיינע טריט
און פאַרמעקט די גרוי וואָס פלעקט מיט נאַכט מיין וועג,
גיי איך נאָך אַמאָל פון לאַסט ניט מיד,
מיט פאַרנעם צום איבערבוי אַריין אויך אין דער וועלט.

— איז גוט צו קוקן אויף דער ליכטיקייט פון אויפגאַנג,
לאָז איך צו דעם נעכטן — עלנט פון די לייד און שרעק,
צו זען די מאָרגנס פאַרביקער פאַר מיר שוין אין דער וועלט.
און מיט דעם מזרח אין זיין פאַרבן־שפּיל,
דערהויבט זיך מיין נשמה פון דעם טאָג באַהעלט,
ווי דער באַרג אין זון פאַר פרי אין הויכן ווייט.
גיי איך היינט ווי נעכטן ווייטער צו מיין ציל,
כאָטש איך גיי מיט צער פון שטן נאָך באַוואַכט.
וועק איך זיך אַליין צו ווערן פון דעם רשע פריי,
וואָס האָט ניט איין מאָל שוין אין וועג אין לויף פון צייט,
מיט פיין באַדעקט מיין לעבן ווי מיט האַרבסט און נאַכט,
אין מיינע רייפע טעג וואָס זיינען אַלץ אָן רו פאַרביי:
און קאַרג געזען פאַר מיר אָן אויפגאַנג אין דער וועלט.

א ו י פ ג י י ן

(סאָנעט)

די דורות הינטער מיר אין שווערן דורכגאַנג דורך דער צייט,
מיט אוצרות ליכטיקייטן אַנגעפּעלצטע פאַר דער וועלט;
— זיי האָבן מיט שליחות אויף דער ערד מיך אָפּגעשטעלט,
איך זאָל די קייט פון נעכטן שמידן ביז אין טיפער ווייט.

צעוויקלען זיך פאַר מיר געשטאַלטן פון איעדער זייט,
וואָס שיילן זיך אַרויס פון נאַכט ווי בערג אין מאָרגן־גליי;
— צעהענגען פאַר די אויגן, פרייד פון נייעם אינדערפרי,
וואָס ווערן מיט די בליקן מיינע, מיט געזאַנג באַגלייט.

און ווי די ערד, וואָס דרייט זיך פאַר דער זון נאָך ליכט פאַרביי;
— אַזוי ווער איך געפירט פון מיין געדאַנק נאָך יום־טוב שיין,
וואָס זאָל מיך אין אַ וועלט פון טאָגן קלאַמערן אַריין.

און ווי דער וואַלד וואָס וואַרט צו ווערן פון דעם ווינטער פריי,
אַזוי גרייט איך די רייפקייט צו מיין לעבן אויפצוגיין,
ניט בלייבן ווי די דורות הינטער מיר, מיט נויטן שטיין.

געזאַנג

(סאָנעט)

מיט גלויבן דורכצוגיין די פרעמדן אין דער וועלט,
צעשניידן מיט מיין טראָט דעם וועלק פון אַלטער צייט,
געשטערט ניט איין מאָל האָט די נאַכט מיר פון דער ווייט;
— מיין וועג צום מאָרגן, ווידער מיר מיט האַרבסט פאַרשטעלט.

אויף ווייפל ווייטן כ'האָב מיין שפור געלאָזט באַהעלט,
צעהאָנגען איבער פרעמדן אָטעם פון מיין ציל;
— איז קיינמאָל ניט מיין ליד פון מי געוואָרן שטיל,
כאָטש איבער מיר האָט וויי און צער די שיין פאַרשטעלט.

און ווי אַ שיף, וואָס שניידט דעם ים און שווימט צום ברעג,
און לאָזט איר אומרו הינטער זיך פון לאַנד צו לאַנד;
— פאַרבלייבט פון מיר געזאַנג פון אַקער ניט ביים ראַנד.

און ווי די ערד וואָס טראָגט מיך אַלץ דורך נאַכט און טעג,
צעהענגט זיך איבער מיר דער גלויבן אין מיין זיין,
וואָס איז מיט ליכט פון אבות אין מיין בלוט אַריין.

צום מאָרגן

צעשפליטערט ווי אין האַרבסט די בלעטער פון אַ בוים,
לאָז איך איבער מיינע נעכטנס נאָך אַמאָל אָן רו,
וואו עס האָט דאָס לעבן מיר געקאַרגט מיט פרייד צו זיין.
גיי איך היינט אויף שליאַכן צו דערהויבונג פון דאָס ניי,
וואָס צעפאַלן ניט פאַר מיר ווי כוואַליעס אין אַ שוים;
און ריגלען טיר און טויער פאַר מיין שאָטן מער ניט צו,
נאָר פירן ווי איך וואָלט מיין טראָט געשטעלט אָן פיין שוין פריי,
און כ׳גיי איצט מיט מיין גלויבן אין דער גרויסער וועלט אַריין.

און ווי דער פייער בליק פון נאָך־ביינאַכטיק ליכט,
וואָס רייסט אין הויך פאַנאַנדער מיט זיין מאָרגן־פלאַם;
— די נאַכט מיט כמאַרעס איבער ים:
ווערט נאָכאַמאָל פון אויפבליץ פון דער שיין אין ווייט,
באַגלייט מיט ניגון פון דער פרילינג־צייט ;
— אָפּגעמעקט מיר נאָך אַ האַרבסט פון מיין געזיכט.

ווערט גרינגער מיר צו טראָגן לאַסט פון נעכטנס מיט מיין שפּאַן,
וואָס יאָרן נויט אויף וועגן, האָבן אָנגעפּעלצט אויף מיר,
און מאָרגנס האָבן ניט געעפנט פאַר מיין פוס אַ טיר,
איך זאָל פון פרעמדע ווינקלען, פריי פון זיי אַרויס,
און קוקן צו עס איז פאַר מיר, אַ וועלט אָן שרעקן שוין פאַראַן:
— איך זאָל ניט אין מיין וואַרטן, בלייבן מיט מיין שאָטן בלויז.

געזאַנגען מעקן אָפּ דעם עלנט פון מיין טיר

צעלייגן זיך פאַר מיר פון האַרבסט נאָך שווערע טעג:
מעת־לעתן לאַנגע וואָס באַוואַכן מיך מיט שרעק,
אַז ס׳דאַכט זיך, ווי עס טראָגט געשריי זיך אין דער לופט,
ווי ס׳וואָלט ווער ערגעץ וועמען דורך דער פרעמד גערופט.

נאָר ווי איך זאָל מיט מיינע בליקן אין דער וועלט,
נאָך ווי אַ שיף דאָ איבער ים אין ווינט ניט זיין:
צעעפנט זיך מיין וועג מיר פון מיין בליק באַהעלט,
וואָס פירט מיך פון די ווינקלען אין דער וועלט אַריין,

און זעג מיט בליקן דורך, די וואָלקנס פון דער צייט,
וואָס האָבן מיך צעשיידט פון רו דורך טאָג און נאַכט,
צו ווערן ווי דער טייך אין פראָסט ניט אויפגעוואַכט,
די שיין זאָל נאָך צו מיר ניט פינקלען פריי און ווייט.

גייט אויף ווי פאַר מיין בליק די שפע פון דער וועלט,
וואָס ליגט נאָך אונטער שיכטן ערד אין אָנהויב בלי,
מיט ווינטער צוגעדעקט און פון דער שיין פאַרשטעלט,
און וואַרט ווי איך אויף מאַי אין נייעם אינדערפרי.

פאַרגייט דער צער וואָס איז געלעגן שווער אויף מיר,
ווי רויך פון חורבות אין די כוואַליעס פון דעם ווינט.
געזאַנגען מעקן אָפּ דעם עלנט פון מיין טיר,
כאָטש טעג פון האַרבסט נאָך גייען מיר פאַרביי אַצינד.

דער וועג צום זיג

מיט גלויבן און דערוואַרטונג אויף אַ יום־טוב פון מיין ציל,
וואָס טראָגט מיך אויף די כוואַליעס פון דעם לעבן ווי אַ שיף צום ווייטן ברעג,
צעטראָג איך אָפטמאָל אונטער שטאָל־געקלאַנג,
פון לאַנד צו לאַנד,
מיינע אויפגעברויזטע טעג,
מיט שעהן אויפטאָג מיט אַ ניי־געזאַנג.
און מיט קאַרגע פרייד,
אין גרענעצלאָזן טומל פון דעם פעלקער־שפיל
אין „וועלט־ראַד״ דאָ אַריינגעדרייט;
— באַלעב איך מיט אַ פרילינג מיין געדאַנק,
אין שאָטן נאָך פון קריג;
— און גיי מיט פוס־טריט, ניט־געציילטע, צו מיין זיג,
מיט גלויבן און דערוואַרטונג אויף אַ יום־טוב פון מיין ציל.

מיט ניי־געלייטערטע געדאַנקען צו אַ פרייער צייט,
וואָס צייכענען פאַר מיר די וועגן אָן, איך זאָל אַרויס פון ווינקלען פיין;
צעבליק איך אָפטמאָל זיך בייטאָג אויף זיי,
פון לאַנד צו לאַנד,
וואו עס פאַלט די זון אַריין,
אין פלאַנטער פון דעם לעבן אין געדריי.
און מיט נייע טריט,
אַנטקעגן אויפגעטאָגטן ניט־פאַרשטעלטן ווייט,
דערהויב איך זיך פון צער מיט ליד,
און לאָז מיין נעכטן איבער אין געשריי,
וואָס רוישט מיר נאָך פון קריג:
— און גיי מיט פוס־טריט, ניט־געציילטע, צו מיין זיג,
מיט ניי־געלייטערטע געדאַנקען צו אַ פרייער צייט.

ג ע ד אַ נ ק ע ן

געדאַנקען.
זיי קומען צו מיר אויפגעמאַכט;
— שאַסייען מיט מאַי און מיט זון צוגעדעקט,
באַהאַנגען מיט פייגל־געזאַנגען.
דערפיל איך אין האַרץ שוין די רייפקייט אין מיר;
— אַרויס פון די ווינקלען דורך טויער און טיר,
מער שוין ניט מעסטן דעם וועג, צו דערהויבונג באַוואַכט.
מיט אַקער צעשניידן דעם האַרבסט אויף דער ערד;
— די ווייטן, וואָס ליגן מיט וועלק נאָך באַפלעקט;
— וואו ס'איז נאָך אַ פרילינג געוואָרן צעשטערט.

געדאַנקען.
— שאַסייען אין אויפבלי — מיט טוי פריש באַדעקט,
באַהאַנגען מיט פייגל־געזאַנגען.
פרימאָרגן שיילט אָפּ פון די וועגן די שרעק,
און כ'גיי איצט דורך זיי צום באַגינען אַוועק,
אַ האַנט אויך צולייגן, צום בוי פון מיין וועלט,
וואו ס'האָט מיט מיין לעבן, פאַרמאַסטן זיך מאַכט;
— רשעות דעם וועג מיר פאַרשטעלט.

געדאַנקען.
זיי קומען צו מיר אויפגעמאַכט;
— מיין טאָג, זאָל ניט טונקלען פון וואָלקנס באַפלעקט;
איך זאָל פון סכנה דורך פרעמדן אויף וועג,
מער ניט פון הפקר פאַרבלאָנדזשען אין נאַכט;
נאָר גיין אַן גערצאַנגל אַנטקעגן די טעג.

אין דמיון

אָפּטמאָל אין שטילקייט פון נאַכט,
נאָך אַ טאָג אַ פאַרטריבענער פון רויך און געפּילדער;
זע איך זיך אין הינטערגרונט פון מיינע בילדער:
— אַ לויטערער אין דמיון, ווי איך זע זיך אין שפּיגל.
קוק איך אויף זיך, פון קיינעם ניט באַוואַכט,
ווי עס בויט מיין געדאַנק,
ווי מיט ציגל אויף ציגל;
— אַ טורעם אין ליכטיקן אויפגאַנג.

כאַטש איך זע זיך אַליין נאָך, מיט אומרו אין בליק;
— ווי אַ בוים אין דעם וואַלד אין די כוואַליעס פון האַרבסטיקן ווינט,
ווען ס׳לויערט דער וועלק אויף אים בייזער און ווילדער,
פון האַלטן אויף אים אַלץ דעם פרילינג צוריק, —
איז גוט מיר צו טראַכטן פון חלום באַזינט;
צעבויערן מיין בליק אין דעם מאָרגן אַריין,
ערב פון אויפגיין אין מזרח די שיין.
עס שטעלן אַוועק זיך געלייטערטע טעג פאַר די אויגן;
שעהן וואָס האָבן נאָך נעכטן געוואונקען מיט צוזאָג צו מיר,
און זיינען ווי טויבן פון מיינע געצעלטן צעפלויגן;
געלאָזן מיט האַרבסט, מיינע טעג הינטער טיר.

בענטש איך נאָך אַלץ, דאָ דאָס אויפגיין פון טאָג איבער נאַכט,
וואָס שלינגט איין אין הימל, די פינצטערע בערג, ווי דער ים שטיקער אייז.
און ווי די פלאַמען וואָס ווערן פון פייערדיקן קרייז,
איבער הייכן צעפאַרבט אין באַגין אויפגעמאַכט;
— צעשלענגלען זיך וועגן פאַר מיר אָן געדריי,
וואו לייכטער עס ווערט שוין צו שטעלן אַ טראָט אין דער ווייט,
אַז ס׳דאַכט זיך, איך גיי שוין אויף זיי ווי דער פרילינג אין מאַי,
צעשיידט פון די נעכטנס, מיט גלויבן באַגלייט.

אַ שיף

אַ שיף.
די שפּיל פון ים.
שניידט די שיף דאָס וואַסער ברייט און טיף:
שניידט צום ציל פאַר זיך אַ וועג,
אונטער שיין פון טאָג אַנטקעגן פלאַם,
צו אַ ווייטן, פרעמדן ברעג.

אַ שיף.
די שפּיל פון ים.
שניידט די שיף דאָס וואַסער ברייט און טיף.
שווימט און שווימט פון לאַנד צו לאַנד,
ווי זי וואָלט געוועז אַלץ אָן אַ שטאַם,
אין איר שווימען נאָכאַנאַנד.

אַ שיף.
און איך אין וועג,
ראַנגל זיך דורך פרעמדן ווייט און טיף,
פון שרעק אין טראַט, נאָך ניט געשיידט,
וואָס גייט פון מיר אַלץ ניט אַוועק;
כ׳זאָל פון ציל נאָך בלייבן ווייט.

אַ שיף.
און איך אין וועג,
שנייד מיט פלאַם פון בליק, די ווייט און טיף,
און דורך סכנה כ׳גיי פאַרביי,
כאָטש וואָלקנס לאָזן ליכט ניט זען;
— כ׳זאָל פון „גרענעץ״ ווערן פריי.

צ י י כ נ ס

צייכנס פון די אָפּגעמעקטע יאָרן,
וואָס די צייט האָט נעכטן אָפּגעווישט פון מיר,
דורך דעם קאָרידאָר פון שווערע טעג, —
האָט געלאָזן אומרו אין זכרון,
פון די טעג צום אויפגיין נאָך פון פריי׳ר,
דורך זיגזאַגן אויף מיין פרעמדן וועג.

שפּאַנען נאָך מיר שאָטנס פון די ווינקלען,
מיט געוועב פון דורות צער פאַרלאָזט פון רו,
וואו איך האָב מיין וועלט אין האַרבסט דערזען, —
כ׳זאָל ניט היינט זיך הינטער ווענט פאַרריגלען,
נאָרען זיך מיט אומרו ערגעץ־וואו, —
נאָר מיט בליאַסק פון מאָרגן זאָל איך גיין.

העלן מיט געוועק פון נייע טאָגן,
איצטער אויף פאַר מיר באַגינענס פון דאָס ניי,
ווי נאָך ווינטער, קנאָספּן אויף אַ בוים,
וואו מיין בליק זאָל מיט דער זון זיך טראָגן,
שניידן אין דער וועלט אַריין זיך פריי,
און פאַרמעקן גרענעצן און צוים.

אויפגיין אַ געלייטערטער פון שרעקן,
וואָס די נויט האָט אַנגעוואָרפן אין געדאַנק,
און געעגבערט מיך אין נעץ פון פּיין, —
בליאַסק פון טאָגן זאָל מיין האַרץ ניט וועקן,
בלייבן ווי דער באַרג נאָך זון־פאַרגאַנג,
איינגעשמאָלצן אין דער נאַכט אַריין.

בלייבן מיינע פוס־טריט אויף די וועגן,
וואו עס נאָרעט זיך די נויט פון יאָרן אָן,
אין די ווינקלען אָפּגעטיילט פון פרייד, —
וועט מיין אָפּקלאַנג, פראָסט אין לופט צעזעגן,
שווייגן זאָל ניט האַלטן מיך אין קאַן,
פון דעם ליכט פון לעבן אָפּגעשיידט.

גייט אין מיינע אויגן אויף אַ לעבן,
ווי אַ וואַלד אין טוי אין זוניקן באַגין,
פאַר מיין נייעם אַנהויב צו דעם זיג,
וואו די וועלט זאָל מיר אַ שמחה געבן, —
איך זאָל פרייד צעזייען מיט מיין זין,
און ניט זיין מער מיט דער וועלט אין קריג.

אויף אייגענער ערד

פון אַש און שטיינער, איבער חורבות פאַרזונקען ביז האַלב אין דער ערד,
וואָס שטאַרן ווי איינזאַמע קברים אַרויס צו דער וועלט ווי פאַרטראַכט
פון היימען, וואָס זיינען אָן משפט געוואָרן פון רשעות צעשטערט;
— אַ דור מיט בטחון אין אויפבלי פון פיין, פאַר דער שיין אומגעבראַכט.

קומט ווידער מיין אומה דערגאַנצט איצט פון צער, ווי דער סאָד אין דעם מאַי,
באַטרעט היינט דאָס לאַנד פון די אָבות, וואָס האָט שוין צעבליט פון דער מי
און גייט אין דער וועלט אויך אַריין מיט די בליקן דערהויבן און פריי,
אַזוי ווי דער טאָג מיט זיין פלאַם דורך די וואָלקנס אַרויס אינדערפרי.

מיין וועלט

מיט ערבֿ־פֿרילינג טיף אין מיינע אויגן,
קוק איך ווי אין חלום אויף מיין איבערבוי אין לעבן,
פֿון דער קייט פֿון שווערע טעג און נאַכט.
כאָטש קיין פֿרייד האָט מיר אַ גאַנצן יום־טובֿ ניט געגעבן,
דעם הימל ניט באַפֿאַרבט מיר מיט קיין רעגנבויגן;
— האָב איך זיך אין ווינקלען ניט פֿאַרמאַכט.
איך זאָל פֿאַלן נאָר מיט אַנגסט אַריין,
אין אַ ניי געראַנגל מיט דער פּיין.
טראַכט איך און איך הער ניט אויף זיך טאָג נאָך טאָג צו שפּיגלען,
אין די אָבֿות, אין מיין שטאַם,
די אויגן זאָלן מיר צעפֿינקלען,
ווי פֿאַרטאָג די שיין פֿון פֿלאַם.
וועקן טרוימען מיין זכרון: —
כ׳זאָל דערהויבן זיך פֿון רייד
פֿון דור נאָך דור, פֿון אַלטע יאָרן,
וואָס דערגרייכן נאָך צו מיר פֿון וויים,
מיט קלאַנג נאָך קלאַנג,
און וועקט ביי מיר אין האַרץ געזאַנג;
— אַז איך זאָל מיט גייסט פֿון דורות גיין באַזעלט,
צו דערגאַנצן אויך מיין וועלט.

און אויב עס גריזשעט מיר אויף שרעק פֿון שווערע צילן,
און איך בלייב נאָך שטיין ווי פֿאַר אַ צוגעמאַכטן טויער,
אין עקסטאַז פֿון ניט־געציילטע טריט;
הייבט ווייטער אָן מיין גלויבן אויף קלאַווישן שפּילן,
ביז איך שפּיל אַרויס פֿון האַרץ דעם ניגון פֿון מיין טרויער,
אין התלהבֿות פֿון מיין נייעם ליד,
אַז איך פֿאַל אין יום־טובֿקייט אַריין,
ווי געלייטערט פֿון געפֿאַנג און פּיין.

טראַכט איך און איך הער ניט אויף זיך טאָג נאָך טאָג צו שפּיגלען,
אין די אָבות, אין מיין שטאַם,
די אויגן זאָלן מיר צעפינקלען
ווי פאַרטאָג די שיין פון פלאַם,
איך זאָל אין מיין נשמה נאָכאַמאָל דערזען:
דור נאָך דור, וואָס איז מיר נאָענט נאָך געווען,
און דערהויבן מיך מיט אמת פון די רייד,
וואָס קומען נאָך צו מיר פון ווייט,
מיט קלאַנג נאָך קלאַנג,
און וועקט ביי מיר אין האַרץ געזאַנג:
— אַז איך זאָל מיט גייסט פון דורות גיין באַזעלט,
צו דערגאַנצן אויך מיין וועלט.

אויף וועגן

— אויך ווי די פייגל,
די שנייאיקע ים־פייגל מיט נאַכט־שוואַרצע אויגן,
און פליגלען ווי זילבערנע פעכערס צעשפּרייט,
וואָס פלאַטערן נאָך פון די ברעגן אויף ימים,
וואו שיפן עס שווימען אַוועק אין דער ווייט,
אויף וועגן, איעדע באַזונדער געשיידט.

באַטרעטן מיר פרעמדן:
אין געדריי אויף די וועגן אין וועלט מיט בטחון,
און שפּאַנען מיט אָנהייב, אַהער און צוריק,
און וואו נאָר אַ שפּור פון דערהויבונג צום מאָרגן,
וואָס טאָגט־אויף פון ווייטן מיט שיין פאַר דעם בליק:
צעפאַרבט פאַר די אויגן, דאָס אויפגיין פון גליק.

מיין האָפענונג

(סאָנעט)

ניט אַלע מאָל, טרעף איך דערהויבונג אויף מיין וועג;
אַ פרייד זאָל מיר פאַרווישן אומעט פון מיין בליק,
איך זאָל אַרויס פון נויט און בויען זיך מיין בריק,
וואו איך זאָל אויף איר ניט גיין צום ציל מיט שרעק.

מיט יעדן טראָט פון שניידן פרעמדן צו דעם ברעג,
און לאָזן הינטער זיך מיין מי ווי אויף אַ מאַרק;
— צעהויבט דאָס לעבן זיך, ווי אין דער זון — אַ באַרג,
כאָטש שווער עס איז מיט לאַסט אַנטקעגן גיין די טעג.

און ווי עס שניידט אַ בליץ אַמאָל אַדורך די נאַכט,
פאַרווישט דעם שטומען טאַנץ פון שאָטנס אויף דער ערד;
— ווערט אויך אַמאָל די פרייד אַ ווייל מיר ניט געשטערט,
און ס'ווערט דער גלויבן צו מיין מאָרגן אויפגעוואַכט.

דערהאַלט איך גלויבן, ווי אַ שמיד דעם גלוט אין צוואַנג,
און לאָז מיין אויפשטראַל ניט פאַרלעשן אין געדאַנק.

דער ניגון פון מיין הארץ

(סאָנעט)

— דער וועג אין פרעמד, פון בייז ניט פריי, שוין ווערט פאַר מיר געעקט
באַלעבן וועל איך נאָכאַמאָל די ערד אויך פון מיין לאַנד,
וואו ס'האָט מיין אומה ניט פאַרפעלט צו זייען מיט איר האַנט,
און מיט בטחון מיך, פון נאַכט צום מאָרגן נאָר געוועקט.

מיט פלאַם פון ערב־טאָג, צעטריבן שאָטנס אויף מיין וועג,
איך זאָל ניט ווי אַ בוים אין האַרבסט, מיט טרויער זיין פון פיינד
וואָס האָבן פאַר מיין בליק, געזוכט פאַרטונקלען מיר דעם היינט,
איך זאָל פון רשעות ניט דערקענען זיך אין שווערע טעג.

און ווי מיין ערשטער טראָט אויף ערד, באַגלייט מיט פרייד אין ליד,
באַטרעטן וועל איך אויך די שוועל פון לעבן; פון דאָס ניי,
וואָס האָט מיט שיין פון אָבות, מיר אין צער מיין טרוים צעבליט,
איך זאָל פון חורבות פון מיין פאָלק איצט גיין צום מאָרגן פריי,

מיט אַקער־אייזן אויפצואוועקן וויסט און וואַלד צום בלי,
און זינגען אין מיין לאַנד, דאָס ליד פון נייעם אינדערפרי.

איבער ים און איבער לאַנד

ניט איינמאָל
האָב איך שוין דערפילט אין מיינע טעג,
נאָך גזירות און גירושים אויף דער עריד;
— ווי איך גיי אַרויס פון חורבות ניי־געבוירן צו דער וועלט;
כאָטש עס גייט מיר נאָך דער רשע אויף מיין וועג.
כאָטש מיין קומען איז צו ראַנגלען זיך מיט פיין,
צו וועלן זען אַ נייעם אינדערפרי פאַר מיינע טריט.

און ווי אַ פעלז,
וואָס זינקט ניט פון דער הויך אַראָפּ אין טיף פון ערד;
פאַרגיי איך ניט פון טרויער פון דעם קלאַנג,
וואָס נאָך אַ טאָג ווי נעכטן, איז אין צער פון מיר אַוועק
און געלאָזט אַ שאָטן דאָ פון נאָך אַ חורבה אין מיין וועלט.
כאָטש אַ הארבסט פאַרמעקט מיר ניט אין מיין זכרון — אונטערגאַנג,
פון נאָך אַ בילד און נאָך אַ בילד, וואָס שניידט מיין בליק;
טראַכט איך פון מיין אָנהייב צו דערגיין צום זיג,
וואָס איז פון מיר נאָך אַזוי ווייט,
און דאָך שוין עפּעס נאָענט אין מיין וועג.
ווערט מיר אין דערהזיבונג, היימלעך פון געדאַנקענגאַנג,
פון אַ טרוים געחלומט דורך דער נאַכט;
— איך דערזע פאַר זיך אַ ריי פון אויפגעשיינטע בילדער;
— מאָרגנס, מאָרגנס, מאָרגנס —
נאָך דערבליקטע פון מיין אומה,
טאָגן אויף פאַר מיינע אויגן,
פאַלן שטראַלן איבער וועגן, וואו איך לאָז אַ שפּור פון מיינע טריט;
— שטייג איך אין מיין זעאונג, ווי אַ באַרג אין הויך,
וואָס קוקט אַרויף אָן פּחד צו דעם חושך,
און דערזעט דער ערשטער פון דער ווייט: —
ווי די זון צעפלאַמט — צעשניידט, די נאַכט;
און טאָג גייט אויף.

צום אויפבוי

אמת !
וואָס עס קלינגען פריידיק אַפּ אין מיינע אויערן,
עכאָס פון אַ יובלדיק געזאַנג ;
— "עס פלאַכן אויס זיך איבער פרעמדן — נייע וועגן
אונטער מיינע טריט !
מיט אַ ניגון פון אַ יום־טוב אין דער לופט צעהאַנגען
וואָס צעשיינען מיין געדאַנק
אין מיין גיין צום איבערבוי פון פיין ניט מיד.
לאָז איך טריט אויף שליאַכן פריי
צו מיין לאַנד, וואָס איז פון לאַנגן־וויסט, געוועזן געפאַנגען
און געטראָגן האָב איך דאָס, פון דורות בירושה אין זכרון,
וואָס עס איז דורך יאָרן־נויט מיר ניט אַרויס פון זין."

אמת !
וואָס עס קלינגען פריידיק אַפּ אין מיינע אויערן
עכאָס פון אַ יובלדיק געזאַנג ;
— „איך זאָל מיט אויפטאָג פון דאָס ניי, דאָס לעבן וואַרצלען,
ווי מיין שטאָם אַמאָל,
כאָטש די וועלט האָט מיך מיט טרויער צו דער ערד געבויגן
איבער חורבות אונטערגאַנג,
ניט צו קענען איבערציילן זיי אין צאָל.
בלייב איך ניט געשיידט פון זיי,
ווי די בילדער פון די אָבות טיף אין מיינע אויגן,
וואָס האָבן ניט געלאָזט, כ׳זאָל ווערן ווי אַ באַרג אין פראָסט פאַרפרוירן,
אין פאַרגיין פון נאַכט, וואָס ווערט צעריסן אין באַגין."

רות

א.

איבער פעלדער, רייך מיט זאַנגען
אין דער נאַכט ווי איינגעוואַקסן,
ליגן ווייטקייטן צעוואָרפן
מיט ישובים אויף די וועגן.
צווישן זיי, געדרייטע שטעזשקעס,
ציען זיך אַוועק אין וועלדער
צוגעדעקט איצט מיט אַ שווייגן —
חלומען פון מאָרגן־קלאַנגען:
פון פאַרטאָגן, פון פאַרנאַכטן,
פון דער זון אין אירע פאַרבן.

ב.

די לבנה דורך די וואָלקנס,
שווימט אַריין, אַרויס אין דרויסן,
זילבערט זיך אויף בערג און טאָלן —
שפילט זיך מיט די ווייסע פעדים
און צעוואָרפט זיי אין די הייכן,
פאַלט די שיין אַראָפּ אויף שליאַכן,
ווערט דאָס פינצטערניש פון פעלדער
אונטער בערג אַ ווייל פאַרטריבן,
אָפּגעשיילט די שרעק פון שאָטנס
אויף אַ וועג צום ווייט צעשלענגלט.

ג.

גייט זיך, רות, די מואבית,
אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער,
ווי אַ כלה אויסגעשלייערט.
אויף די אַקסלען ברייט צעהאַנגען,
אירע גלאַנציק לאַנגע לאָקן.
אויף איר פּנים, ראָזע בלומען,
און מיט אויגן, וועלכע שיינען,
ווי די פריהע מאָרגן־שטערן ;
גייט זי, רות, איר חוב דערפילן,
מיט אַ האַרץ וואָס קוועלט מיט גלויבן.

ד.

גייט זיך, רות, די מואבית,
אויף דעם וועג אין ליכט צעגאָסן
איבער פלאַכן, איבער פעלדער,
איינגעוועבט אין זילבער־פעדים
אין באַגלייטונג פון לבנה.
גייט די קלייבערין פון זאַנגען,
ציילט די טריט, און מעסט די ווייטן;
טראָגט מיט זיך אַ קראַנץ געדאַנקען —
ליבע האַרציקע באַגערן
אין איר האַרץ אין זון געזאַמלט.

ה.

גייט זי, רות, ווי אין אַ חלום,
צו דעם שייער וואו ס'שלאָפט בועז —
דער באַזיצער פון די פעלדער,
וואו געקליבן זי האָט זאַנגען,
און געשיקט עס האָט איר נעמי,
איר געליבטע פרומע שוויגער,
ווייל ער'איז אַ בלוט־פאַרוואַנדטער —
פאַר אַ מאַן פאַר זיך אים נעמען,
און דעם נאָמען אויפצוהאַלטן
פון איר זון, וואָס איז געשטאָרבן.

ו.

אָנגעזאָגט עס האָט איר נעמי,
און געוויזן ווי אַ מאַמע,
מיט לבנה־שיין צו שפּאַנען
דאָרט צו בועזן אין שייער,
וואו ער וועט אַ זאַטער שלאָפן
נאָך זיין רייכן גוטן מאָלצייט.
און מיט שווייגן אויף די נעגל,
אים פון שלאָף ניט אויפצואוועקן —
צום געלעגער זיך צושאַרן,
ביי די פיס זיך ביי אים לייגן...

ז.

— „ווען ער וועט פון שלאָף אויפוואַכן,
און דערזען דיך אין דעם שייער,
זאָלסטו, טאָכטער, זיך ניט שרעקן
און פאַר אים זיך ניט פאַרלירן,
קוקן זאָלסטו אין זיין פּנים,
בליקן שטיל אין זיינע אויגן
מיט דעם פלאַם פון דיין נשמה,
ביז ער וועט אַ קוש דיר געבן,
און זיין ליבע דיר אויך שענקען,
מיט זיין נאָמען דיך באַהעפטן"...

ח.

צו באַלעבן נעמיס וואונטשן,
גייט זי, רות, מיט טריט געציילטע,
איבער טויאיק, פייכטע גראָזן,
צניעותדיק פאַרטיפט אין זעאונג...
טרוימען פאַרבנדיק מיט בילדער,
שוועבן איר פאַרביי די אויגן,
פלעכטן איין זיך אין איר האַרצן
מיט די פעדים פון די שטראַלן,
וואָס עס שיקט אַראָפּ פון הימל
די לבנה מיט הרחבה.

ט.

גייט די קלייבערין פון זאַנגען,
חזרט איין זיך וואָס צו רעדן,
ניט פון שרעק אַנטשוויגן ווערן —
אים אַנטפּלעקן די געדאַנקען.
איבערגעבן די באַגערן
וואָס זי האָט אין זיך געזאַמלט
אויף די וועגן צום בית־לחם:
— ס'זאָל אין וועלט דער נאָמען בלייבן,
איז זי גרייט, זיין ווייב צו ווערן,
ליבן אים ביז טיף אין יאָרן.

י.

און עס דאַכט זיך, ווי עס גריסן
איר די פעלדער, בערג און טאָלן,
ווי עס גריסן, רות, די זאַנגען,
אַלע בלומען אויף די וועגן,
אויך די שטערן טיף פון הימל,
שיינען פינקלענדיק אַרונטער
און באַגלייטן איר מיט ברכות. —
חן, ביי בועזן געפינען:
פאַר אַ ווייב ער זאָל זי נעמען,
די נשמה איר דערהויבן.

ניו־יאָרק, מאַי 1919

פֿון ווייט צו ווייט



פון ווייט צו ווייט

(סאָנעט)

די שיפן מעסטן אויס די גרויס פון ים,
און שניידן דורך די וויסט פון ווייט צו ווייט;
אַזוי מעסט איך מיט מיינע טעג, די צייט,
וואו כ׳גיי דאָס לעבן נאָך אויך פון מיין שטאָם.

דער ווינט אויף כוואַליעס פלאַטערט אָן אַ צאָם,
צעבאַרגט דאָס וואַסער און צעטאָלט די טיף;
אַזוי זוכט מיין געדאַנק נאָך אַ באַגריף,
באַגלייט פון נאַכט, אַנטקעגן מאָרגן־פלאַם.

ווערט פרילינג אין מיין אויפשטייג, פון אַ מאַי,
וואָס עפנט מיר מיט זון די אויגן אויף,
כ׳זאָל גיין אויף וועגן ווי אויף בערג אַרויף;
— וואו ס׳צינדט די זון די הייך צו שיינען פריי.

נאָר ווי איך צייל די טריט צום ציל, צום ברעג,
צעפאַלן טרעפּ ווי׳ עכאָס אויף מיין וועג.

קלאַנגען פון באַגינען, וועקן מיך פון שלאָף

קלאַנגען פון באַגינען, וועקן מיך פון שלאָף,
דאָס לעבן רופט מיך צום באַשאַף, צו מי.
נעם איך נאָך אַמאָל אויף זיך דעם עול אַרויף,
לאָז הינטער זיך די רו פון ערב־פרי.

דאַכט זיך, ווי איך הער אין ניט דערזאָגטע רייד,
וואו כ'גיי דעם טאָג אַנטקעגן אין דער שיין:
— „האָט אַמאָל, דער מאָרגן דיך געוועקט צו פרייד,
אַ קלאַנג פון יום־טוב זאָל אין האַרץ אַריין"?

האָב איך אין באַריר פון זון, מיין גליק דערפילט,
דאָס לעבן זאָל דערהויבן מיך אין הויך?
— עלנט גייט מיר נאָך, אין רו ניט איינגעשטילט,
ביז ס'לעשט דער טאָג פאַר מיר זיך ווי אין רויך.

בלייבט מיר בלויז פאַר מאָרגן, גלויבן פון דאָס ניי;
— די וואָג מיט לאַסט, צעשניידן אויף מיין וועג,
כאָטש איך גיי ניט איינמאָל, הינטערוועגס פאַרביי,
פאַרגיי איך ניט אין מיינע אומרו־טעג.

אַ שומר

דאָס לעבן האָט ניט אויפגעהערט. נאָך שטערן מיר די טריט,
און האַלט מיך נאָר אין ווינקלען, פרעמד פון רו,
וואו כ׳גיי פאַרביי דעם טאָג, מיט נאָכגעקלאַנג ווי פון אַ שמיד,
וואָס קלאַפּט די טירן צו מיין מאָרגן צו.

נו, בין איך אויף דער ערד, אַ שומר איבער פרעמד פאַרמעג,
וואו כ׳גריבל זיך אין אוצרות פון דער וועלט.
עס גייט ניט אָבער פון מיין בליק, די נויט פון מיר אַוועק,
דאָס לעבן מיינס, זאָל ווערן שוין באַהעלט.

דער טאָג, ווי נעכטן, קומט צוריק ווי צוגעדעקט מיט רויך
און לאָזט מיך מיט דער רו, אַ ווייל ניט זיין,
איך זאָל פון טראַכטן זיך דערהויבן ערגעץ צו דער הויך;
— אַ פרילינג זאָל צו מיר אין האַרץ אַריין.

פאַרגייט אין חלום, נאָך אַ טאָג וואָס האַלט מיך אין געפאַנג —
פאַרפּלאָנטערט אין געיעג פון ראָד געלויף,
וואו איבער מיר, עס רוישט נאָך אַלץ אַ ווילדער נאָכגעקלאַנג,
און וואַרפט זיין שטויב אויף מיינע טעג אַרויף.

אין וואַלד

אַ ווינט מיט געוואָי אין געלויף דורך די ביימער,
צעפּיצלט אין נעסטן, פון פויגל די פרייד.
די בלעטער שוין פאַלן אַראָפּ פון די צווייגן,
און ווערן צעוועלקט, און אויף וועגן צעשפּרייט.

איך גיי ווי אין חלום, אין וואַלד דורך די ביימער,
באַגלייט פון צעפּאַלונג אויף בלעטער אין וועג,
און איבער מיין קאָפּ אַ געפלאַטער פון פייגל;
— איך זאָל פון זיי הערן אויך טרויער פון טעג.

עס גייט נאָך אַן עכאָ פון טעג פון מיין לעבן,
ווי ס'גייט נאָך דער ווינט הינטער מיר אַזוי בייז,
וואָס וויל ווי דעם וואַלד, אויך דאָס האַרץ מיר פאַרוויסטן,
און לאָזן מיך הפקר אין וועלט ווי אַ גרייז.

אין שטורעם פון ווינטן, דערפיל איך אויף וועגן,
ווי פעסט איז געבליבן מיין טראָט נאָך אַצינד,
כאָטש ס'האָט ניט דאָס לעבן, געקאַרגט מיר קיין האַרבסטן,
די שיין פאַר די אויגן, פאַרשטעלט מיר מיט ווינט.

יאָרן

די זעאונגען אין מײַנע קאַלטע טעג,
זײַנען נאָך ניט רײַף געװאָרן פאַר מײַן בליק;
— אַ פּרילינג זאָל מיר נאָכגײן אויף מײַן װעג,
פּילן זאָל איך אין באַװעג, באַריר פון גליק.

איך װיקל יאָרן פון מײַן לעבן אויף;
— טעג װי בערג באַדעקט מיט זון אין נײַ־באַגין,
געדאַנקען הױבן מיך צו זײ אַרױף,
און כ׳געפין כאָטש אין מײַן טראַכטן עפּעס זין;

— מײַן װעלט, זי ליגט פאַר מיר שױן אױפגעמאַכט —
אַ װעג װאָס פירט פון האַרבסט דורך װאַלד אַרױס.
פאַרבײַ גײ איך פון ערב־טאָג באַװאַכט,
לאָז מײַן נעכטן נאָכמאָל אין װאַלד געראַיש.

באַריר פון יום־טוב, איז פאַר מיר אַלץ פרעמד,
װאו אַ װינקל הענגט אַ װײ פון שטומע רײד.
ניט אײנמאָל פיל איך, װי איך װער פאַרשעמט,
װען איך זע אין טעג פון אויפשײַן מײַן באַשײד.

דער עלנט װי מײַן שאָטן, גײט מיט מיר,
פאַרלירט מיך ניט אויף װעגן אין געדרײ.
דער אומרו קלאַפּט אין אָװנט אין מײַן טיר;
— לאָזט קײן רו ניט פאַר די אויגן מיר פאַרבײַ.

ניט איין מאָל

(סאָנעט)

ניט איין מאָל, בין איך אין מיין הויז נאָך זון־פאַרגאַנג,
ווען אומעט האָט אַריינגעקוקט אין מיינע אויגן, —
געזעסן ביי אַ בוך מיט שווייגן איינגעבויגן,
געזוכט, די וועלט זאָל פרייד מיר געבן אין געזאַנג.

ניט איין מאָל, האָט באַשיינט אַ שורה מיין געדאַנק;
אַ וואָרט, האָט מיין נשמה אין דער הויך דערהויבן.
געוועקט דאָס האַרץ ביי מיר, צום נייעם טאָג מיט גלויבן;
— איך זאָל אין וועג ניט הערן בלויז מיין אייגנקלאַנג.

איז עלנט, אויף אַ וויל געבליבן הינטער מיר,
און ליכט האָט אָפּגעמעקט די שאָטנס פון מיין וועג,
וואָס האָבן ניט פאַר מיר געקאַרגט פון בייז קיין שרעק.

האָט פרייד פון רו, אַריינגעשאַרט זיך דורך מיין טיר,
און איינגעוויגט מיין אומרו נאָך אַ טאָג פון מי';
— כ'זאָל חלומען ביינאַכט פון נייעם אינדערפרי.

פ אַ ר ב י י

(סאָנעט)

דאָס לעבן איז פאַר מיר ניט מער, די שיין פון שפּיל,
די טעג; — ווי פייגל אין אַ וואַלד באַגין אין מאַי,
ווען כ׳האָב אין שפּרונג צו פרייד, נאָך ניט געוואוסט פון ציל
און ניט באַנומען, — וועגן זאָלן זיין ניט פריי.

די טעג פון נעכטן; — ביימער פון געזאַנג ניט שטיל,
צעהאָנגען האָבן גליק פון אויפבלי אין מיין וועלט.
געווען איז פרעמד פאַר מיר פון צאַמען דאָס געפיל;
צו טרעפן פאַר מיין טראָט דעם וועג פאַר מיר פאַרשטעלט.

און כאָטש עס גיט אַ בליץ אַמאָל אַ פונק פון פרייד,
און וואַרפט אין מיינע אויגן היינט נאָך זון אַריין,
איז שווער מיר שוין צו שפּיגלען זיך אין יענער שיין.

אַ שאָטן פון אַמאָל, גייט נאָך מיט שטילע רייד;
„דאָס לעבן האָט דיין וועג, פאַרפלאָנטערט אויף צוריק,
און איבער בערג צעבראָכן, הינטער דיר דיין בריק״.

נאָך אַ בלאַט

ניט אַלע שעהן פון מיין טאָג באַלאַנגען שוין צו מיר;
— איך האָב זיי, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געהאַט.
און היינט, ווי נעכטן דורך גראַנגל צו דער מאָרגן־טיר,
פאַרשרייבט אין בוך, די נויט מיר נאָך אַ בלאַט.

די טעג וואָס האָבן זיך פאַר מיר געביטן מיט געקלאַנג;
— געבוירן וואונד־ער נייע פאַר דער וועלט.
צו האָבן זיי מיר מער געבראַכט ווי אומרו אין געדאַנק,
און ווענט צו מאָרגן־וועגן אויפגעשטעלט?

אַ רעגנבויגן

אַ רעגנבויגן, איבער וואָלקנס אין דער הויך,
וואָס הויבט זיך פאַרביק אויף ווי פון אַ ים;
זאָל זיין דער שפּור פון גליק, וואָס נעענטערט זיך פון ווייטן?
— צעוואָרפט פון הויך פאַר מיר מיט בלענד אַ פלאַם,
איך זאָל שוין מיט דער איינזאַמקייט אין פרעמד זיך שיידן?

אַ רעגנבויגן, איבער וואָלקנס אין דער הויך,
צעשיינט דאָס לעבן איצט אין מיינע אויגן פון דאָס ניי,
אויף די וועגן וואו איך גיי מיט האַרבסט נאָך הינטער מיר באַגלייט,
פון זוכן אַלץ די רו, איך זאָל אָן אַנגסט דעם טאָג פאַרביי,
און ניט ציילן מער מעת־לעתן — עלנט אין דער פרעמדער ווייט.

איך ווייס

איך ווייס, עס וועט פון נעפּל־לאַנד אַ טאָג צו מיר אויך קומען
וועט פאַרצאַמען אַלע פּלאַכן אויף מיין וועג,
און וועט מיט שטילן כעס אַ נעץ מיר פאַר די פיס פאַרוואַרפן —
און געפאַנגען פירן ערגעץ מיך אַוועק.

איך וועל אין אייביקייט פאַרגיין אַ רואיקער פון לעבן,
ווי אַ רויך־פלעק פון אַן אויסגעבּרענטן ליכט,
און אָפּגעמעקט וועט ווערן פון דער גאַנצער ערד מיין שאָטן,
וועלכער האָט געקוקט געטריי מיר אין געזיכט.

נאָך טעג פון מאָרגנס כ׳וועל פון אַלעמען פאַרגעסן ווערן,
און נאָך מיר וועט אויך די צייט זיך גיין איר גאַנג;
עס וועלן מענטשן טאַנצן און פאַרטומלען זיך דאָס לעבן,
בלויז געבּענטשטע וועלן זינגען אַ געזאַנג.

נאָר ביז עס קומט צו מיר דער טאָג פון יענע ווייטע וועגן,
טראָג איך גלויבן אין מיין האַרץ אין טעג פון צער,
די זון וואָס שיינט באַגין מיט פלאַם אַריין מיר אין די אויגן,
ליכטיקט אויס פאַר מיר דעם וועג נאָך פון געפאַר...

פאַלט אַ שניי

שניי.
די ווייסקייט פון דער נאַכט,
האָט פאַר מיינע שטילע אויגן
היינט אַ בלאַט מיר פון מיין יוגנט אויפגעמאַכט.
איז אַ שטראָם פון זילבערקייט פאַרביי,
און אין ווייט מיט שמחה מיך אַוועקגעצויגן
איבער מויער, איבער וואַנט,
צום ערב־פּרי פון בליאונג־צייט
אין קינדערלאַנד
צוריק.
— האָט אויפגעשיינט מיט זון פאַר מיר,
באַפּרוכפּערט נאָך אַמאָל דער יונגער־סאַד,
צו דערהויבן מיך מיט יענע פרייד;
וואָס איז פון לאַנג אַ בילד מיר נאָך געבליבן אין זכרון,
פון די רייפע טאַנצנדיקע יאָרן,
ס'זאָל אַצינד נאָך טליען שטילערהייט
אַ שפּור פון באַנג אין האַרץ ביי מיר
אין שטאָט.
און ווי צוגעשמידט צום אָרט,
בין איך ביי מיין פענצטער שטיין געבליבן,
פאַר דער ווייסקייט פון דער נאַכט,
קוקנדיק אין גאַס אַרויס,
ווי אויסגעלאַכט
פון דאָרט.
און ווי אַמאָל אין יענע טעג פון פריידיקן גערויש,
ווען ס'האָט דער פראָסט געפינקלט שלענגלענדיק פאַרביי,
האָט אויך ווי היינט אַט יענע ווינטער־נאַכט,
ווי דורך אַ זיפּ אַדורכגעקליבן:
— זילבערדיק דעם שניי,
און מיין וועלט מיר אויפגעמאַכט.

נ. י. 1925

ביינאַכט ביים האַפן

ליגן אין דער שטאָט די מויערן ווי רויע פעלזן
צוגעדעקטע מיט אַ נעפּל ביי דעם וואַסער־ברעג.
שפּיזלען פון קופּאָלן דורך די פענצטער, פייער־שפּיזן;
בלישטשען אויס באַגילטע בערגלעך אויף דעם וואַסער־דעק.

— דאַכט זיך, אָט, איך פאָר אַצינד דאָ פון מיין ערשטע היים אַוועק,
און קוק ווי ס'נעענטערט זיך מיט מיר מיין שיף פאַרביי צום ברעג.

הויבן אָן פאַרקייטלען זיך די שוואַרץ־צעפאַרבטע וועלן,
שוימען זיך אין ווייט אַוועק מיט בלענד פון גאָלד באַגלייט.
ווייט נאָך זיי ווי דימענטלעך צעפינקלען זיך אין וואַסער, —
שפּרינגען ווי די פייער־פליגן פון דער נאַכט דערפרייד.

— דאַכט זיך, אָט, איך פאָר אַצינד דאָ פון מיין ערשטע היים אַוועק,
פון וואַנען, איך האָב מיטגענומען בענקשאַפט אויף מיין וועג.

און די שיפן מיט די קליינע פינקלענדיקע אויגן,
שפּיגלען זיך ביים האַפן אין דעם העלן וואַסער־רייך.
און די בליץ־צעגליטע שויבן פון די נעפּל־הייזער,
פינקלען אויס נאָך פאַרביקער דעם שלענגלענדיקן טייך.

— דאַכט זיך, אָט, איך פאָר אַצינד דאָ פון מיין ערשטע היים אַוועק,
וואו רייך איך בין מיט קרובים נאָך געווען אין יענע טעג.

װאַרשע

(סאָנעט)

איך האָב פֿאַר דיר, ניו־יאָרק, מײַן הײם געביטן,
עס האָט מיך װאַרשע אויפֿגעהאָדעװעט פֿאַר דיר;
איך זאָל מײַן װעלט אויף דײַנע גאַסן בויען מיר
און נעמען פֿון דײַן לעבן נײַע זיטן.

און װי עס לויפֿט דורך װאַלד פֿאַרבײַ אַ שליטן,
און בײמער װײַסע שװימען פֿאַר מײַן אײגל צוריק;
געלאָפֿן זײַנען טעג מיט פֿרײד פֿאַרבײַ מײַן בליק,
װאָס כ׳האָב מיט זײ מײַן יוגנט דורכגעריטן.

די װײַט איז נאָענט־פֿרעמד פֿאַר מיר געװאָרן,
דאָס נײַע לעבן האָט באַגעגנט מיך מיט לאַסט,
װי ס׳װאָלט די פֿרעמדע װעלט מײַן אויפֿבוי נאָר געהאַסט,
געקריצט מיט פֿײַן מײַן האַרץ פֿון שװערע יאָרן.

און איצט מיט עלנט רײַסט מיך נאָך די װײַט אַװעק; —
פֿון דיר, ניו־יאָרק, װאו כ׳האָב פֿאַרלוירן יוגנט־טעג.

דערוואַרטונג

(סאָנעט)

איך בין מיט פרייד צו דיר ניו־יאָרק, געקומען,
מיין וועג צום לעבן דורכצושניידן אין דיין ווייט,
געטראַכט אין היים, דו שטייסט מיט גליק פאַר מיר געגרייט,
וואָס גאָט האָט פון מיין דור אַוועקגענומען.

עס זיינען מיינע זעאונגען צעשוואומען,
וואָס האָבן אויפגעבויט מיר וועלטן אין געדאַנק,
נאָך איידער כ׳האָב דערהערט מיין אייגן ווידערקלאַנג,
פון דיין גיגאַנט, וואָס האָט מיך אויפגענומען.

איך האָב אין דיינע ווינקלען צער צעהאָנגען,
נאָך האַרבסט פאַרנאַכטן אין דיין שטאָטישן געבריל.
וואו כ׳בין געוואָרן איינגעדרייט מיט דיר אין שפיל,
און דיר, ניו־יאָרק, מיט מיינע טעג באַשאָנקען.

און ווי אַ רויך אין ווינט צעטראָגן אין דעם רוים,
פאַרגאַנגען איז אין נויט מיין נעכטן ווי אַ שוים.

דיין ליד

צו אברהם רייזען

דיין ליד האָט צעוויקלט אַ לעבן פון לייד,
צעעפנט די לאָדן אַרויס אין דער וועלט;
— געוויזן מיר דחקות מיט בליקן אָן רייד;
אַ לעבן אין ווינקלען, פון זון ניט באַהעלט.

געוויזן מיר שטיבלעך, אַ ריי נאָך אַ ריי,
מיט דעכער געבויגן אַראָפּ צו דער ערד;
געוואוינט האָט די נויט דאָרט מיט אומעט אין זיי,
און צער האָט ניט איין מאָל דאָס לעבן פאַרשטערט.

דיין שורה עס האָט אין מיין האַרץ ווי געזעדט;
ווען פּיין האָט געהאַלטן פון יום־טוב צוריק,
אין טעג פון מיין פרילינג, אָן ברויט צו דער זעט,
האָט קיינער באַוואַכט מיך מיט ציטער אין בליק.

ניט איין מאָל האָב איך זיך דערקענט אין דיין ליד,
כאָטש כ׳האָב ניט געטראָגן קיין יאָרן נאָך פיל.
דיין וואָרט האָט געוועקט מיך, ניט ציילן די טריט,
פון טראָגן דעם יאָך פון מיין לעבן אין שטיל.

אין עלנט וואָס האָט זיך מיט מיר ניט געשיידט,
און כ׳האָב ניט געזען נאָך די וועלט אין איר שיין;
האָסטו מיר געזונגען אַ ליד אויך פון פרייד,
איך זאָל אין מיין לעבן אָן גלויבן ניט זיין.

דיין ליד האָט ניט איין מאָל, געוועקט מיין געדאַנק,
געפירט מיך פון נידער אַרויס אין דער וועלט;
מיין וועג זאָל ניט זיין פון דער נויט אין געפאַנג,
דער טאָג זאָל ניט זיין מיר, מיט נאַכט מער פאַרשטעלט.

עס האָט מיר די צייט ניט פאַרמעקט יענע טעג,
איך זאָל אין מיין וויזיע נאָך קוקן אויף זיי.
און הערן נאָך נאָכגיין מיט ניגון אין וועג
געשטאַלטן וואָס זיינען אָן יום־טוב פאַרביי.

און איצט ווען איך זינג צו דער וועלט אויף מיין ליד,
פון דורות וואָס האָבן געלאָזט מיך אין פּיין;
ווי זיי אויך די קייט פון מיין אומה איך שמיד,
מיין לעבן זאָל מער דאָ מיט עלנט ניט זיין.

גלויבן

שאָטנס אויף די ווענט אין שעה פון זונען־אונטערגאַנג,
פאַרמעקן שטיל דאָס ליכט פון טאָג אויף שויבן;
— גייען ווייטער אויף די נעכטנס אין אַ ניי געזאַנג;
— דער מאָרגן־טאָג געבוירן ווערט אין גלויבן.

גערטנער רייך באַדעקט מיט בלומען, פּירזות אָן אַ ברעג,
באַוואוינט פון פייגל, טויבן און פון שטערן;
— זיינען מיינע מאָרגנס אין מיין גיין צו יום־טוב־טעג,
וואָס האַלטן זיך אין ווייט פאַר מיר געבערן.

אויפן פעלד אַ טראַקטאָר, ניי געבוירן פאַר דער ערד,
וואָס שניידט אַרויס דעם פרילינג צו דעם לעבן;
— חלום מיינער! אָט אַזוי צו זיין איז מיר באַשערט,
די מי פון מיינע טעג, די וועלט צו געבן.

אין ווינקלען

בליצונגען פון פלעמלעך שיין ביינאַכט אין פעלד,
וואָס שפּיזלען דורך דער פינצטערניש צו מיר פון מיילן ווייט;
— זיינען מיינע מאָרגנס אויף דער וועלט.

די מאָרגן־טרוימען, טאָגן שוין אין ווינקלען פון אַ נייער צייט,
אין טעג פון פיין, דעם שאָטן צו פאַרמעקן פון דער נאַכט,
וואָס גייט מיר נאָך מיט אומרו ווי באַוואַכט.

ווי פאַסן זון פון מזרח, איבער בערג באַדעקט מיט שניי;
— זיינען די געדאַנקען מיר אין אָפּקלאַנג פון געריש,
וואָס וואַכן ווען איך גיי דורך פרעמד פאַרביי.

און כאָטש מיין טאָג ער שיילט זיך ווי באַגין פון נאַכט אַרויס,
פאַרגייט ער נאָך ווי נעכטן, ניט אָן שרעק,
וואָס וויל מיך ניט פאַרלאָזן אויף מיין וועג.

און וואָך נאָך וואָך

צעגייען טעג, ווי כוואַליעס אין אַ וואַסער ניט באַצאַמט פון ווענט,
ווי כ׳וואָלט אַליין געטריבן זיי נאָר מיט געריש.
און כאָטש אַ פלעמל פון אַ נייעם לעבן פאַר מיין בליק עס בלענדט,
פאַרגייט מיין טאָג פון מיר נאָך אַלץ מיט אויפגעברויז.

פאַרגייט מיט אַנגסט מיין קאַרגע רו פון טראַכטונגען אין מיין געזאַנג,
באַגלייט מיט רויך אין וועג פון רעדערדיקן לויף,
וואו איבער מיר, עס האַמערט מיט דער גרוי פון וואָך דער שטאָל־געקלאַנג,
און וואַרפט אויף מיר דאָס בייזקייט פון דער וועלט אַרויף.

אין אַ פרעמדער שטאָט

נאָך לאַנגן גרינעם בלענדעניש פון וואַלד און פעלד,
האָט די באַן מיט מיר זיך אָפּגעשטעלט.
מ ו י ע ר ן,
האָבן זיך ווי בערג מיט פעלזן באַלד אַ הויב געטאָן פאַר מיינע אויגן,
הינטער זיי די פרעמד אַדורכצובויערן
איך זאָל דערזען:
עס ליגט באַשיינט און אויסגעצויגן
צווישן וואַלד און פעלד,
אַ ש ט אָ ט.

קוק איך אויף די הייזער אויסגעטאָן פון נאַכט,
וואו עס שפּיגלט זיך דער מאָרגן אָן אין שויבן;
ווערט פאַר מיר די פרעמדקייט אויפגעמאַכט.
טראָט נאָך טראָט;
גאַסן אין געפלעכט ווי אויסגעפאַרעמט
און אין הויך דערהויבן,
און באַטורעמט
מיט קוימענס און קופּאָלן
צוגעדעקט מיט ווייך;
— שיילן אויס זיך, ווי פון רויע, גרויע שאָלן,
הויבן אויף זיך מיט געטומל איבער ווענט
אין הויך.

קוקט צו מיר ווי אויסגעמאָלן
אויף אַ לייוונט:
די שטאָט.
נאָך אַ נייע וועלט,
וואָס איז געוועזן מיט וויסטן ווייט פאַר מיר פאַרשטעלט.

געוויזן האָט די שיין פון טאָג מיר, וואו צו שטעלן מיינע טריט,
געצונדן מיינע אויגן, כ׳זאָל דערזען די פרעמד,
ווי איך בין געווען פון יענעמס בליק אין גאַס נאָך אומבאַקאַנט,
און איך בין ניט איינמאָל שוין געוואָרן אין מיין גיין פאַרשעמט;
פון פאַרדראַס? מיין האַרץ פון פיין ניט מיד.
און אַזוי אַ פרעמדער פון אַ ווייטן לאַנד,
וואו ס׳איז געוואָרן שוין ניט איינמאָל אויף אַ ווייל מיין היים,
האָט אין עלנט ווי געהיים,
אַריינגעדרייט מיך אויך דאָס היגע לעבן
אין דעם גאַסן־רווישעריי;
אַ חלק איינזאַמקייט צוגעבן
מיר
ביי טויער און ביי טיר.

און ווי דאָרט, אויך אָט דאָ,
אין דער ערשטער שעה
זיינען באַלד פון אַלע וועגן
געקומען מיר אַנטקעגן
פנימער, וואָס כ׳האָב זיי קיינמאָל נאָך אין לעבן ניט געזען;
מיט אָט די מענטשן נאָענט ניט געווען.
כאָטש קיינער האָט אין ערגעץ ניט געוואָרט וואו אויף מיין קומען;
איינגעהאָרכט זיך ביי אַ טיר אין מיין טראָט,
האָט דאָס לעבן אין פרימאָרגנדיק געשריי,
אין די גאַסן מיך אַריינגענומען.
און באַנאַנד מיט מענטשן פרעמד און ניי,
האָב איך זיך געפילט מיט מיינע טריט אַ ווייל אויך פריי;
ניט געשטערט פון קיינעמס בליק,
ניט אָנגעוויזן מיר, דעם וועג דאָ אויף צוריק,
ווי נאָר עס האָט נאָך לאַנגן גרינעם בלענדעניש פון לאַנד און פעלד,
די באַן מיט מיר זיך אָפּגעשטעלט.

אָנזאָג

(סאָנעט)

עס האָט די וועלט, מיר איינגעטיילט די טעג,
איך זאָל זיי טראָגן, נאָר אין מיין געדאַנק,
ניט ציילן אויף דער ערד פון טראָט דעם קלאַנג,
נאָר גיין צום ליכט פון פרילינג אויף מיין וועג.

און ווען איך זאָל ניט קומען צו אַ ברעג,
פאַרשפעטיקן די שיין פון אינדערפרי:
פאַרבלייבן זאָל איך ניט מיט באַנג פון מי:
— צעשיידט פון טאָג, וואָס גייט מיט פיין אַוועק.

נאָר ווי אַ פלעמל פון אַ ליכט אין פעלד,
וואָס שפּיזט און רייסט דאָס פינצטערניש פון נאַכט;
צעשניידן זאָל מיין בליק, די שרעק וואָס וואַכט; —

איך זאָל מיט שיין אַדורכגיין אין דער וועלט,
אַ שפור פון אויפבלי לאָזן אויף דער ערד;
מיין ליד זאָל ווערן ברייט און וויט דערהערט.

אַ ל י י ט ע ר

(סאָנעט)

דאָס יום־טוב ליד, געבוירן קאַרג אין פרייד,
דערהויבט מיך אויך אַמאָל פון שטויב און רויך;
— געלייטערט ווער איך פון דער זון אין הויך,
וואָס שיינט מיט אָנזאָג אויף אַ נייער צייט.

און ווי איך ווער פון גרוי און וואָך צעשיידט,
די רו פון מאַי גייט נאָך מיר מיינע טריט,
ווערט טראָט צום מאָרגן מער אין וועג ניט מיד;
— די גרענעץ פון דער פרעמד פאַר מיר צעגייט.

די וויטן ווערן אייגן מיר אין בליק,
דער נעכטן לעשט זיך אויס שוין פון דער וועלט,
וואָס האָט מיט שרעק מיר ווי טאָן ניט פאַרפעלט.

איך זאָל אין ווינקלען נאָר מיט אַנגסט צוריק,
וואו זיין זאָל איך אין עלנט בלויז אַ שפּיל;
מיין לעבן נאָר אַ לייטער אַלץ צום ציל.

נאָך יעדן אויפבוי

דאָס לעבן האָט פאַרפּלאָנטערט מיר די וועגן פאַר מיין יעדן שפּאַן,
אין גריבלען אין געדאַנקען זיך, אין נאָך אַ טרוים,
פון זוכן אין די ווייטן, צי עס איז אַ גאָט פאַר מיר פאַראַן,
וואָס זאָל מיר ניט אין צער צעשווימען ווי אַ שוים.

געוואָרן בין איך נאָך איעדן אויפבוי, אין דער וועלט פאַרשעמט,
ווי ס׳וואָלט זיך ווער פון מיינע זעאונגען צעלאַכט;
—ווען כ׳האָב געראַנגלט זיך אין וועג מיט אומרו אין דער ווייטער פרעמד,
געבליבן מיט מיין שאָטן נאָר אַליין באַוואַכט.

און נאָך די פּיין פון יאָרן, שניידנדיק מיין וועג אין טאָג אַריין,
און נאָך דעם אויפבוי פון די טורעמס צו דעם הויך;
— האָט אַלץ דאָס לעבן, מיר דורך פרעמדן נאָך געקאַרגט פון זון אַ שיין,
וואָס זאָל ניט מער פאַרטונקלען מיינע טעג מיט רויך.

יעדן טאָג

פון מיין נעכטן, גיי איך ווי פון האַרבסט ניט מיד אַוועק,
כאָטש די פרעמד אַלץ גייט פאַר מיר פאַרביי.
מעק איך אָפּ דעם טרויער פון מיין פּנים אויף דעם וועג,
וואו איך גיי פון אומרו נאָך ניט פריי.

כאָטש אין מיין פאַרנעם טוט מיר דער שטן בייז נאָך אָן;
אָנגסט מעקט אָפּ די רו פון מיין געזיכט;
הויב איך יעדן טאָג, די בויאונג פון מיין לעבן אָן,
ס׳זאָל מיין פּוס באַטרעטן אויך די שוועל פון ליכט.

מיין ליד

פון פאַרשלאָסענע טיפן אין מיר,
וועקן מיך אָפטמאָל, חלומות פון יאָרן,
וואָס זיינען פאַרגאַנגען אין בלי פון דעם האַרבסט;
— איך זאָל אין מיין לעבן אַ בויער נאָך זיין,
בויען פאַר מיר אויך מיין וועלט —
אונטער דער זון אויף דער ערד.
גיי איך ניט איין מאָל דורך פרעסט פון די טעג,
אין געשפאַן מיט באַגערן צום ציל,
אויף מייללאָזע פרעמדן מיט ליד,
צעקייטלען אויף ווייטער די קייט פון מיין שטאַם.

גיי איך אויף וועגן,
ווי אונטער דעם אָפּקלאַנג פון אבות,
וואָס האָבן מיט האַרבסט זיך געראַנגלט;
— און געבוירן דעם גלויבן ביים שיין פון דעם טאָג.

שנייד איך ווי זיי, דורך סכנה די פרעמדן,
און צייל ניט פון הינטן די טריט.
און שפין אַלץ די צילן צום אויפלעב;
געזאַנג פון מיין ליד.

האָריזאָנטן

I

טרעפט אַמאָל,
נאָך אַ שווערע נאַכט,
דאָס לעבן נעמט פון מיר אַראָפּ די מאַכט:
— פון געריש פון שטיין און שטאָל,
וואָס פאַלט מיט שטויב אויף מיר אַרויף;
— עפנט האָריזאָנטן אויף:
ברייטע פלאַכן ווי אַ ים,
מיט שפּע רייך און צוגעדעקט פון מאָרגן־פלאַם,
לאָז איך זיך צו זיי פון בענקשאַפט פריי;
גיי אַנטקעגן נאָכאַמאָל דער בליאונג־צייט!
— ווער איך פון דאָס גיי,
אין יום־טובדיק געאייל,
אָפּגעגאַרט אויך פון דער ווייט.
בלייב איך אויף אַ ווייל,
ווי אַן אַ גאָט,
מיט מיין קאָפּ געבויגן טיף,
אין שטאָלנדיקן קאַראַהאָד...
וויל איך זיך דערהויבן כאָטש אין הויך,
פון געטומל פון דער האַרטער ערד;
ווער איך פון מיין טרויער דאָ געשטערט.
— שוויג איך ווי מיין שאָטן אויך,
אין געראַנגל מיט מיין טאָג און נאַכט,
ווי אַ ליכט בליאַסק פון אַ שיף,
אין פינצטער אויפן ים.

II

און טרעפט אַמאָל,
ווען די זון רײַסט אָפּ שוין שטיקער פון דער נאַכט,
און וועקט דאָס לעבן אויף צו מי.
ווערן מיר געדאַנקען פון מײַן אומרו פרײַ:
— דער מאָרגן גייט מיט צוזאָג נאָך פאַרבײַ.
ווער איך פון מײַן אומעט אויפגעוואַכט.
הויב איך נאָכאַמאָל,
פון אָנהויב אָן,
מיט דעם נײַעם אינדערפרי,
טראַכטן פון מײַן מאָרגן וואָס צו טאָן.
פלעמלט אויף דאָס לעבן מיט אַ מזרח־שײַן,
און וואַרפט אין מײַנע אויגן שטיקער זון אַרײַן.
צעשלענגלען וועגן זיך פאַרבײַ אין מײַן געדאַנק,
וועגן ניט באַטראַכטן פון קיין אומרו־טריט:
ניט צעווייעט איבער זיי פון פײַן — די שרעק,
ווי פון בלעטער־פאַל אין ווינטן — דאָס געזאַנג.
לעבט אַ פרילינג אויף אין מיר
און דעקט מיט ווײַסע פליגל מײַנע האַרבסטן צו, —
און אַ וועלט, נאָך ניט פאַרצאַמט מיט ווענט און טיר,
ווערט אין ווײַט מיט פּירות אויפגעוואַכט,
און ווייעט אָן אויף מיר פון פרייד — די רו.
פאַרגייט פון שווײַגן, מײַן געמיט
פון שווערע, קאַלטע טעג.
טראָגט זיך פון געראַנגל מיט דער נאַכט,
פון מײַן האַרץ אַ ליד,
וואָס בענטשט מײַן וועג.

לאַסט

(סאָנעט)

פאַרוואָס, איז מיר געוואָרן צוגעטיילט נאָר פּיין,
דעם אומעט נאָכצוגיין מיט טאָג ביים אונטערגאַנג,
און זיין מיט אָרעם לעבן שטענדיק אין געפאַנג,
און בלויז אין חלום נאָר, דערפרייען זיך מיט שיין.

דער אומרו פון דעם ים, איז דאָך אין מיר אַריין,
און טרייבט מיך אין די עלנט ווינקלען אָן אַ סוף;
וואו ס'פאַלט אויף מיר אַ בליק פון יום־טוב ניט אַרויף,
און לאָזט מיך אין מיין לעבן פריידיק דאָ ניט זיין!

ווער האָט באַפוילן זיין מיך אויף דער ערד מיט נויט,
און זוכן אין די קאַמערן פון נאַכט מיין רו;
— אַז ס'שליסן מיינע אויגן זיך צום שלאָף ניט צו?

און אַז מיין שטאַם האָט ניט צו זעט געהאַט זיין ברויט,
נאָך גרויסע טעג וואָס האָבן ניט צו אים געהערט;
— מוז היינט מיין לעבן זיין אויך הפקר אויף דער ערד?

דער ניגון פון מיין ניט באַגעגנט גליק

(סאָנעט)

דער ניגון פון מיין ניט באַגעגנט גליק,
וואָס וועט אַמאָל פאַרווישן האַרבסט פון וועג,
דערהויבט מיך אין די ווינקלען פון דער שרעק,
וואָס וויל צעשטערן איבער בערג מיין בריק.

און כאָטש איך גיי מיט אומרו אין מיין בליק,
באַדעקט מיט לאַסט פון דורות אונטער מיר,
וואָס איז מיט פיין פאַרבליבן נאָך פון פריי׳ר,
איך זאָל דאָס טראָגן אויף מיין וועג ביז זיג;

גייט אויף מיט אויפטאָג טיף אין מיר אַ שיין,
וואָס לעשט זיך ניט אין שווייגן פון דער נאַכט,
און קען נישט ווי אַ פלעמל רואיק זיין,

און מעג דער נעכטן נאָך ניט זיין פאַרמאַכט —
צערייסט באַגין דאָס שווייגן פון דאָס ניי,
וואָס גייט, מיט טאָג, צו מיר אַנטקעגן פריי.

מיין שאָטן

— מיר דאַכט,
וואו איך גיב זיך נאָר אין וועג אַ קער,
צו וואָס איך ריר זיך פריי אין לעבן צו,
אין אויפבליצונג פון מיין באַגער
נאָך טעג פון טרויער
צי אין טעג פון בויט־געשייד:
— שטייט נאָך ערגעץ־וואו נאָך־וואו,
פאַר מיר געגרייט
פון רו דאָס גרויסע טויער
אויפגעמאַכט.
און ווי איך זע זיך אין געדאַנקענגאַנג:
— גיי איך צו מיין ציל, פון אומרו ניט געשטערט,
מיט טריט וואָס זינגען ניט פון אונטערגאַנג:
— פון וועלק אויף קאַלטער ערד.
עס נעמט דער טאָג מיך צום באַשאַף אַריין
און צינד די אויגן פריי מיר אָן מיט שיין
— ווי מיט אַנזאָג שוין אויף גליק.
— נאָר וואו איך זאָל ניט קוקן מיט מיין בליק,
אַ לויטערער און קלאָר
אויף מיין וועג
אין נאָענט צי אין ווייט:
— גייט מיט מיר מיין שאָטן ביי מיין זייט,
און טרעט ניט אָפּ אין שווייגן אויף אַ האָר:
— מיט נאַכט און שרעק.

הינטער מיר

האָט ווער מיין מאָרגן אָנגעצייכנט הינטער מיר
איך זאָל דורך הינטערוועגנס גיין?
עס זאָל פאַר מיר די רו ניט עפענען אַ טיר,
און בלייבן אין דער פרעמד נאָר שטיין? —

— מיין שאָטן זאָל ניט פאַלן איבער זון פון טאָג;
צעצינדן זאָל מיין בליק די נאַכט:
— איך זאָל ניט ווערן פאַר דער שוועל פון נויט — די וואָג
און וועגן אויפטו, וועגן מאַכט?

געקומען בין איך בלויז צו זיין פאַר מיר אַ וואונד?
ניט נעמען פון דעם לעבן־פרייד,
מיט נאַכט נאָר זינקען ווי אַ שיף אין ים צום גרונט,
פאַרלוירן גיין אין טיף צעשייד?

איך ווייס די וועלט, זי נויטיקט זיך אין מיינע הענט,
איך זאָל איר העלפן אין געבוי!
— פאַרוואָס־זשע האָט די וועלט באַרינגלט מיך מיט ווענט,
און מאָלט מיין מאָרגן — קאָלט און גרוי?

עס איז מיר ניט שווער

עס איז מיר ניט שווער,
צו גיין אויף מיין וועג אַלץ נאָך מער
מיט פרילינג אַריין אין די יאָרן.
כאָטש ס׳זיינען שוין יאָרן ווי טויבן צעפלויגן:
— די טעג, ניט באַשענקטע מיט פרייד אין מיין לעבן.
גיי איך ניט איינמאָל מיט שווייגן פאַרקלערט
און זוך מיט די אויגן,
אַרום אויף דער ערד,
ווי כ׳וואָלט עפּעס אייגנס פאַרלוירן.

דאָך איז ניט
מיין טראָט דאָ געוואָרן שוין מיד,
אַנטקעגן צו גיין נאָך די יאָרן.
כאָטש כ׳האָב זיך שוין וועלטן געפּלאָנט און געשפּונען,
געבויט און צעשטערט זיי אין ווינקלען פון פרעמדן:
געגאַנגען אויף וועגן צום וייט ערגעץ וואו,
געזוכט צו געפונען
אין טראַכטן מיין רו,
ניט אומגיין פאַרלאָזט, ווי פאַרלוירן.

נאָך איז מיר ניט שווער,
צו גיין אויף מיין וועג אַלץ נאָך מער
מיט פרילינג אַריין אין די יאָרן.
כאָטש כ׳האָב שוין געזוכט און פאַרשפּילט שטיקער לעבן:
— די טעג פון מיין אויפשטייג אויף וועגן צום מאָרגן,
וואָס האָבן מיט שבחים מיין טראָט ניט באַגלייט,
און קאַרג מיר געגעבן
פון שמחות — די פרייד,
כ׳זאָל טראָגן, אַט דאָס אין זכרון.

— דאָך איז ניט
מיין טראָט דאָ געוואָרן שוין מיד,
אַנטקעגן צו גיין נאָך די יאָרן.
כאָטש ס׳זוכט אַלץ דער האַרבסט מיר נאָך אויפטו צו שטערן.
פאַרמעקן די זעאונג וואָס שיינט אין נשמה,
ווען ס׳האַלטן געדאַנקען מיך וואַך אין דער נאַכט,
איך זאָל ניט דערהערן,
פון קלאַנג — וואָס איך טראַכט:
— שוין בין איך פאַרעלטערט געוואָרן?

זאָל איך גלויבן

ווען האָט דאָס ליכט פון אויפטאָג ניט געוועקט אַמאָל צו פרייד,
צו ווען איז דאָס גליק אין לעבן ניט אַריין?
דאַכט זיך, אַז איך זע דאָס איבער יעדן איינעם אויסגעשפּרייט,
ווען ס׳דעקט דער טאָג מיך איבער מיט זיין העלער שיין.

בין איך איינער פון די שאַטנס, וואָס איך האָב דאָס ליכט דערפילט,
געזאַנג פון לעבן האָט דערהויבן מיך אין הויך?
וואָס־זשע ווערט דאָס האַרץ אין מיר פון צער און שרעק ניט איינגעשטילט,
עס צינדט און לעשט זיך טאָג נאָך טאָג פאַר מיר אין רויך?

זאָל איך גלויבן, אַז דאָס לעבן טרעט די וועגן פאַר מיר אויס,
די זון צעצינדט די אויגן מיר מיט מאַי אין וועג?
— וואָס־זשע זינגט ניט צו די הימלען פון מיין האַרץ שוין פרייד אַרויס,
און ס׳הייבן זיך ניט מיינע פיס אין נייע טעג?

גליק

גליק,
איך זוך דיך אין די ווינקלען פון דער וועלט.
כ׳גיי נאָך מיינע אויגן,
וואָס זיינען אַנגעוועגדט אויף דיינע שפּורן,
צו דערבליקן כאָטש דיין שאָטן פון דער ווייט;
— זאָלסט באַלעבן איצט מיין פּנים אויך אַ ווייל מיט פרייד,
באַגלייטן מיך אין וועג מיט שיין
ווי אַ מאָל
וואָס האָט אין פרילינג מיר מיין טאָג באַהעלט.

גליק,
דער נאָמען, וועקט מיר אויף נאָך גלויבן אין דיין זיין,
נאָר וואו דו ביסט, איז שווער צו זען אַ שפּור פון דיר.
— כאָטש דו גייסט מיט נעפּלען נאָך פאַרצויגן,
ווי די זון פון גרויען פראָסט פאַרשטעלט,
אין שווערע ווינטער טעג; —
צינדסטו אָן דורך דיינע שלייערן געוועבן,
דאָס ליכט פון וויזיע אין מיין בליק,
ווי דו וואָלסט פאַרמעקט די נויט איצט אין מיין לעבן.

גליק,
און כאָטש איך בין שוין אין מיין זוכן אויף דער ערד,
דורך שווערע טעג
ניט איינמאָל מיד געוואָרן,
צו דערזען וואו דיין געשטאַלט, —
האָבן מיינע בליקן מיך ניט אָפּגעלאָזט אין וועג,
און געפירט מיך ניט צוריק פון לייד פאַרצערט,
ווי באַזיגט שוין צום פאַרגיין דאָ פרי,
— פון דער וועלט.

אין ספרים

I

אין ספרים
ליגן מיינע קינדער־טעג,
— די קיינמאָל אויסגעלעבטע פרייד ;
— פון אַ שמייכל אין אַ מאַמעס וועלט.
אין ספרים
האַלטן אויף זיך יענע טעג,
וואָס האָבן מיך באַטרערט פון לייד,
ווי אין פרילינג — בלימלעך אויף אַ פעלד
אונטער אַ צעשפרייטן שאָטן־דעק
פון דער זון פאַרשטעלט.

אין תפילות

II

אין תפילות
איז מיין ניט־צעבליטע יוגנט קאַלט אַוועק
און געלאָזט מיך אין אַ שטילן טרויער,
ווי פון קיינעם ניט באַטראַכט.
און אָן באַדויער
פון דעם עלנט אין מיין טראָט
אויף אַ גרענעצלאָזן וועג
האָב איך, ווי אַ שאָטן אין דער נאַכט,
פון אַן אויג אַ פריידיקס ניט באַוואַכט,
געלאָזט זיך נאָר אַליין אין פרעמד, ווי בלינד,
מיט תפילות אין מיין האַרץ צו גאָט.
געפלאָנטערט זיך אויף וועגן אומבאַקאַנט,
ווי אַ בלאָנדזשענדיקע שאָף אין ווינט,
אויף נאַקעט גרויע פעלדער, איבער לאַנד,
און מיט וויי אין בליק געזוכט פאַר מיר, —
פון פרייד — אַ טיר.

אין שאָטן פון מיין לעבן

פריי,
קוקט די וועלט אריין אין מיינע אויגן
און טראָגט איעדן טאָג אן אַנדער בילד פאַר מיר פאַרביי,
— מיט אַ שאָטן פון מיין אייגן לעבן.
וועקט זיך אויף דער פרילינג איצט אין מיין זכרון,
וואָס די וועלט האָט מיר אַמאָל געגעבן.
וועקן אויף די בילדער אין מיין האַרץ אַ בענקשאַפט נאָך צו זיי,
צו יענע יאָרן,
און זיי ווערן פון מיין בליק אויף באַלד צעפלויגן,
גיכער נאָך ווי בליצונגען פון מיין געדאַנק.

בלייב איך אָפטמאָל זיצן אין מיין הויז ווי אין געפאַנג
פון מיינע זעאונגען אין פאַרביק־רייכע ווייטן,
וואו עס הויבן בערג און פעלדער זיך אַרויס פון נאַכט
און האַלטן זיך מיט שפע אין צעשפרייטן,
איבער לאַנד
וואָס האָבן מיט דעם בליאַסק פון מאָרגן־ראַנד,
אַ גרוס פון אויפבוי מיר געבראַכט
ניט איינמאָל שוין אַהער.
קוק איך אין מיין מאָרגן נאָך אַריין,
ווי עס העלט די זון מיט פאַרבן מער:
— נייע טראַקטן פאַר מיר אויס
און לאָזט אויף זיי אין הויכן, פריי אַרויס:
— פייגל מיט געזאַנג באַגלייט.
וועקן אויף דעם עלנט פון דעם ווייַ און פּיין,
וואָס איז מיט נויט דאָ, ניט געווען געשיידט.
ווער איך אין מיין וויזיע, פריי אין מיינע טריט,
צו גיין אַנטקעגן פון באַגין די שיין,
צו גיין אַנטקעגן מיט באַגערן,

ווי אין מאַי אין ווייט די שטערן,
וואָס איך האָב געוועבט מיר אין מיין ליד:
— איך זאָל דערגאַנצן מיינע טעג מיט ליכט,
וואָס זיינען פרי אַוועק אין פינצטערניש פון נאַכט;
און האָבן צער געלאָזט אויף מיין געזיכט,
— מיט פחד, מיר מיין טראָט באַוואַכט.

נאָך ניט דערהערט פון גאָט

איך ווייס,
איך בין נאָך ניט דערהערט פון גאָט;
מיין לעבן איז אַ שאָטן אונטער פיס, פאַרשעמט,
אויף דעם הויך־געבאַרגטן וועג,
וואו איך גיי און צייל ניט נאָך אויף שטיין, מיין טראָט;
און דאָס האַרץ מיינס איז פון בענקשאַפט אַלץ געפאַנגען,
ווי אַ פויגל אין אַ שטייג
אין די נייע אויפגעהעלטע טעג.

איך ווייס,
איך בין נאָך ניט דערהערט פון גאָט;
ער זאָל באַגלייטן מיך מיט רו, וואָס איז מיר פרעמד,
וואו איך ווער באַרוישט דאָ ווילד,
ס'זאָל פאַרגיין אַלץ זוי מיט ווינט, מיין קלאַנג פון טראָט;
— איז צו מיר מיין גלויבן גוט, כ'זאָל הערן קלאַנגען,
מאָלענדיק מיין ווייטע וועלט
אין אַ זוניק בילד.

פאַר מיין ניי־יאָר

איבער שאָטנס אויף דער ערד,
פון מיינע גרויע אויסגעטראָטענע יאָרן;
שטיי איך מיט בטחון נאָך אַמאָל פאַר דיר;
— מיין נייער יאָר.

מיט ניי־געזאַנג פון טאָג,
ווי אַ בעל־שמחה אויף דער שוועל,
בין איך ווידער גרייט צו באַגעגענען דיין שיין,
וואָס זאָל פאַרווישן טרויער פון מיין פנים,
און פאַרמעקן עלנט פון מיין וועלט.

כאָטש דאָס לעבן נעכטן, האָט פאַרלאָשן נאָך אַ יאָר,
וואָס האָט מיך מיט מעת־לעתן פיין באַגלייט,
דורך וועגן ניט געקאַרגט מיט שטיינער פאַר מיין טראָט;
— האָב איך ניט מיין קאָפּ געבויגן צו דער ערד,
און ניט געפלאָנטערט זיך מיט שאָטנס דאָ פון אונטער מיינע פיס.
— מיט שווייגן פון דער זון אין מיינע אויגן,
האָב איך דורך געוואָי פון ווינט געשטעלט מיין טראָט;
— געגאַנגען איבער וועג פון בערג, אויף שאַרף פון שטיין.

און אין שעה פון שקיעה,
האָב איך שטיל מיט פאַרביקע אילוזיעס פאַר מיין בליק,
אויפגעליכטיקט מיר די מאָרגנס און צו זיי געצילט.

שטיי איך נאָכאַמאָל פאַר דיר מיין נייער יאָר,
מיט געדאַנקען ווי די שטראַלן פון אַ ניי באַגין,
און ווידער בין איך גרייט מיט גלויבן גיין צום ציל,
דורך דיין וואַלד פון טעג.

גערויש אין דער וועלט

אויף דער ערד

אין מיין זיין דאָ אויף דער ערד;
טראָג איך אַרום זיך מיט לעבנס,
וואָס כ׳האָב פון דורות היגטער מיר,
איבערגענומען בירושה;
איך זאָל בויען מיין וועלט,
און זוכה זיין, צו זינגען
פון אויפבוי מיין ליד.

אין מיטן אויף דער ערד,
נאָך יאָרן און יאָרן, וואָס וועלן אַוועק,
וועט עפּעס געשען צו אַ דור פון מיין שטאָם —
אין גאַנג פון דער צייט —
וועט ער ניט וויסן וועמען צו בענטשן,
אָדער וועמען צו טייטלען פאַר זינד,
פון מיין געלאָזטע ירושה;
איך וועל דאָך שוין זיין אין געפלאָטער;
בלויז שטויב איבער ערד;
אַטאָמען אין ווינד.
ווער וועט אַ טראַכט טאָן פון מיר?
טראָגן מיין נאָמען ביי זיך אין געדאַנק?

— — — — — — — — — — — — — — —

דערמאָנען דעם טאָג פון מיין זיין אויף דער ערד,
ווי כ׳האָב ניט געטראַכט פון דעם דור,
פון יאָרן און יאָרן צום נעכטן צוריק, —
אין וועמעס זכות, איך גיי איצט פאַרביי,
אין געאייל דורך דער צייט,
מיט אַ חוב פון מיין שטאָם
אויף דער ערד.

אין ביבליאָטעק

אַ זאַל.
ביכער אין די שראַנקען;
— יאָרהונדערטער אין רייען אויסגעשטעלט,
מיט אוצרות געדאַנקען
פון דער גאַנצער וועלט.
זע איך אין איעדן בוך;
— אַ לעבן פון אַן אַנדער צייט,
אַן אָפּשיין פון אַ פרעמדער ווייט
אין גרויסן זאַל,
אין ביבליאָטעק.
גיי איך,
ביי די שוועלן פון עפּאָכעס איצט פאַרביי;
— די ביכער ריי אויף ריי,
קייטלען מיר פון אַלטע צייטן אויס צום היינט אַ וועג,
צו אַ לאַנד פון טאָגן און פון ליכט.
קוק איך אויף די רייען ביכער
אין דער ביבליאָטעק;
— לויפן יאָרן, לויפן דורות, ווי פון רגעס גיכער,
ערגעץ אין אַ הינטערגרונט אַוועק.
פאָלג איך נאָך מיט מיין געדאַנק דעם שפּור פון שטאַמען,
פון די פריערדיקע יאָרן;
— דאָס קומען און פאַרגיין נאָר גיך און ווייט,
ווי כוואַליעס איבער כוואַליעס אויף די ימים.
און דאָס שוועבן
פון די יאָרן,
מיט דעם אויפברויז פון דער צייט,
קריצן איין אין מיין זכרון,
מעשים פון אַ לעבן.
מעשים פון דער וועלט.

רעדן דורות אָן אַ צאָל:
— רעדט פון זיי אַרויס דאָס לעבן נאָכאַמאָל,
פון די הונדערטער עפּאָכעס איצט צו מיר,
פון יאָרן ניט פאַרשטעלט.
— צעפאַלט פון אַלטע וועלטן טיר נאָך טיר.
פאַלט מיין בליק,
אויף יאָרהונדערטער צוריק,
אויף די פעלקער פון אַמאָל פון לאַנד נאָך לאַנד,
וואָס האָבן אויף דער האַרטער ערד,
מיט מי אין האַנט,
שטעט און לענדער אויפגעבויט,
און ווי געטער, איבער זיי רעגירט,
מיט דער שאַרף פון שטאָל.
— לעבן אויף פאַר מיינע אויגן
אין דער ביבליאָטעק:
— טעג
פון שווערד און פיילנבויגן,
וואו עס ווערן אויך מלחמות ווילד געפירט,
און וועלטן גאַנצע וויסט צעשטערט,
און ווידער נאָכאַמאָל,
געהאַמערט און געבויט,
פון אַ נייעם דור.

פאַרנעמען איצט נאָך מיינע אויערן:
— די שרעק און גרויל פון וואָר,
דעם טרויער פון אונטער־חרובע מויערן:
פון אַ זקן, ווייב און קינד,
וואָס וויינען נאָך אַרויס פון וואָיענדיקן ווינט,
ווי דער האַרבסט אין פעלד,
אין וויסט פון יענע, אַלטע וועלט.

— הער איך איין זיך אין דער ביבליאָטעק,
פון פּאָעטן דאָס געזאַנג,
פון נעכט און טעג;
— פון פייער און רואינען,
איבער ים און לאַנד.
פון געבורט און אויפגאַנג,
מיט דער שווערד אין האַנט,
פון אַ נייעם דור,
וואָס האָט די וועלט אין מיינע יאָר
פאַרוויסט געפונען.

קוקט דער צער אַרויס פון אָט די ביכער;
— שרעק פון גרויל, צעברויזט מיט שאַל.
און פון איבעראַל,
וואַקסן אויס פאַר מיר פון אַלטע פעלקער,
שאָטנס, שאָטנס אין דעם זאַל,
ווי מיט פּנימער אין טאָג אַריין.
זע איך נאָכאַמאָל פון ווייט און קלאָר,
אין בלענד פון מאָרגנשיין,
פעלקער פון דער וועלט,
אין שראַנקען אויסגעשטעלט,
פון דור נאָך דור.

ים

וואָס שטורעמסטו, ים, אַזוי בייז און מיט צאָרן ?
און ווילסט פון דיין ברויזן נײט ווערן פאַרשוויגן ?
וואָס וואַרפסטו מיט כוואַליעס און רייסט אויף נאָר טאָלן,
ווי ס׳וואָלט ווער אין ווילדקייט אין טיף ביי דיר ליגן !

צי האָט דיך אַמאָל אויף דער וועלט ווער באַטראָגן ?
פאַרצאַמט דיינע כוואַליעס מיט ערדישע ברעגן,
ווען דו האָסט געוואָלט זיך נאָך פרייער צעשפרייטן,
מיט טייכן פאַרגיסן מדבריות און וועגן ?

צי טראָגסטו אַ צאָרן דורך דורות אויף וועמען,
און ווילסט אים זיין חטא אָן אַ שטראָף ניט פאַרגעבן,
און גרייטסט זיך צו קומען מיט כוחות פון ווינטן,
צום גרויסן פאַרמעסט דאָ, אויף טויט און אויף לעבן?

און וועט דיר געלונגען דיין שונא באַזיגן:
זיין מאַכט און גבורה אויף אייביק צעשטערן,
צי וועט פון דיין האַרץ זיך דאָס פייער פאַרלעשן:
דיין כעס אויף דער וועלט דאָ, וועט שטילער שוין ווערן ?

נ י ו - י אָ ר ק

ניו־יאָרק,
דו שטיין־אויסגעהאַקטער לאַבירינט!
באַטורעמט פון גראַניט און אַרכיטעקטור,
שטייסטו מיט שטאָל און אייזן,
איינגעגנאָגלט אין אוראַלטע טיפענישן פון שטיין און פעלז,
און נעמסט ניט אַראָפּ דיינע אויגן פון ים.

ניו־יאָרק,
דו ביסט פאַר מיר
אין אָפּשפּיגלונג פאַר מיינע אויגן;
אַן אויסשטעלונג אויף אַ ריזיקער טאַץ,
אין די הענט פון די וואַסערן, וואָס רינגלען דיך אַרום,
מיט דעם אייביקן געפילדער פון לעבן.
און ווי פאַר אַ ספּעקטאַקל;
פון דאָס שאַרן זיך פון שאָטנס, פאַר די טריט; —
בלאָנדזשע איך אַרום אין דיינע פאַרדרייטע מויערן־הײלן,
און קאָן זיך ניט אַרויספּלאָנטערן פון געררויש און אומרו,
וואָס פליגלט נאָך אויף מיינע וועגן.

דיין וואָלוואָירט־קאָפּ,
שטייט אַן אויפגעשפּיצטער איבער הייזער,
אַ דערהויבענער אין הויך,
ביי די פיס פון „וואָל־סטריט“,
וואָס קלאַפּט אויס פון דיין עלעקטרישן האַרץ,
דיין יעדן אימפּולס איבער ים און לאַנד.
און צו באַוואונדערן דיך, ניו־יאָרק,
און דיינע שטיינערדיקע פּאַלאַצן, פאַררייסענע צום הימל;
איילן דורך מעת־לעתן פון די ווייטן און אַנקערן ביי דיינע ברעגן;

שיפן נאָך שיפן מיט אַנצאָליקע גרוסן
פון דער גאַנצער וועלט.

דיין טורעמדיקער קאָפּ,
באַגריסט מיט פונקען אין די אויגן
שיף נאָך שיף וואָס נעגנטערט זיך אַהער פון אָפענעם ים,
און שווימט פאַרביי דיין ברעג;
זאָגט זיי אָן פון מיינע אויפטואונגען ביי דיר:
— שטעלט פאָר דעם „קרייזלער”־שפּיז,
וואָס וויל צעלעכערן דעם הימל...
שיילט אָפּ פון נעפל, דעם „עמפּייער סטייט” ריז
מיט זיינע הונדערט און צוויי שטאָק,
וואָס דו, ניו־יאָרק,
האָסט דערהויבן צו באַוואַכן דיין עשירות.

טאָג נאָך טאָג,
ווער איך פון דעם וואַנדערער פון פרעמד און וויט;
דער געבענטשטער אויף דיין ערד,
דער גליק־געזאָלבטער פון אַ גאָט,
און מיט מיר צוזאַמען איבער דיינע גאַסן,
ווערסטו מיט די נייגעריקע פון די ווייטע לענדער,
וואָס באַטרעטן נאָר דיין שוועל;
דערפרישט פון פרייד און גליק;
באַגריסט מיט לויבונג פון אונצאָליקע ליפּן.
און ווי דער בלינדער אויף דער גאַס,
וואָס זעט ניט אין זיין גייץ, די שיין פון טאָג,
זעט ניט אויך דער וואַנדערער צו דיין ברעג —
דיין זון פאַרויכערדיקן הויך,
באַדעקט מיט שטויב פון שטאָל און אייזן,
וואו עס טראָגן זיך אַרום, ווי אין אַן ענדלאָזן ווירוואַר:
דער לעבעדיקער כאַאָס,
פון טויזנטער לשונות.

ניו־יאָרק,
דו ביסט פאַר מיר,
אַן אויסשטעלונג אויף אַ ריזיקער טאַץ,
אין די הענט פון די וואַסערן, וואָס רינגלען דיך אַרום,
מיט דעם אייביקן געפילדער פון לעבן,
וואָס טראָגט זיך איבער מיר פון אייזן און שטאָל,
און שלאָגט אָפּ אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט.

פ אַ ר ט אָ ג

אויפגאַנג,
האָט פינצטערניש פון נאַכט
אָפּגעשיילט פון בערג אַראָפּ,
האָט צעליכטיקט זיך דאָס דאָרף אין פעלד.
פייגל האָבן שוויגן דורכגעריסן מיט געזאַנג
און אויפגעוועקט דאָס לעבן אין דער וועלט.
עמיצער, האָט וואו אַ לאָדן אויפגעמאַכט
און מיט זון אויף זיך, אַוועק אין שטוב צוריק.
דער טאָג
צעפינקלט האָט זיך מיט אַ זון־צעבלענדטן קאָפּ,
און האָט צעשיינט זיך אין אַ בלענד אויף טוי ווי שניי,
פון נידערן ביז אין דער ווייט אַרויף.
— אין אויפגעוועקטן דאָרף, אויף יעדן ראָג
אין שאָטנדיק געדריי,
געצונדן האָט זיך מאָרגנדיקער בליק.
בערג און שטיבער האָבן זיך צעפינקלט צו דעם הויך,
ווי ס׳וואָלט די פרייד פון ליכט אויף זיי אַרויף,
וואָס די נאַכט צעגאַנגען איז ווי רויך.

בלעטער פאַלן

(סאָנעט)

גערויש פון בלעטער אויף אַ בוים זאָגט אָן מיט ווינט דער וועלט;
— דער זומער האָט זיין ליד שוין אָפּגעזונגען אויף דער ערד.
די רייפקייט פון עשירות פאַלט פאַנאַנדער, בייז צעשטערט,
און טראָגט אַרום אויף וועגן זיך מיט ווילדקייט און מיט קעלט.

עס לאָזט דער ווינט די שפע ניט אַרויס אין האַרבסט אין פעלד,
דער נייער פרילינג אין דער ערד, זאָל ניט דעם וועלק דערזען,
נאָר חלומען אין טיף, און גרייטן זיך נאָר אויפצוגיין,
מיט יום־טוב פון דעם מאַי באַזונגען נאָכאַמאָל די וועלט.

און ווי עס זאָל דער האַרבסט דעם זומער ניט פאַרטראָגן וואו,
צעמאָלן אים אין שטויב דורך טעג און נעכט ווי דורך אַ מיל —
וועט אַלץ דער גאַנג פון צייט, דעם ווינט ניט לאָזן אָן זיין ציל.

צעוואָיעט ער אין לויף און רייסט פון זומער אָפּ די רו.
צעטראָגט די רעשטלעך גרין צו ענדיקן פון זיי דעם סוף, —
די קאַלטע רז פון שניי און פראָסט זאָל איבער זיי אַרויף.

ציגל

אַ הויז.
נידערן אַראָפּ די שטאָק מיט שטיבער, אין רואינען,
קוקט פון הויז — אַ חורבה צו דעם טאָג אַרויס,
וואָס האָט ניט פאַר דעם לעבן, מער קיין זינען.

איבער שטיבער, איבער אַלטע אייזן־ראַמען:
מענטשן, ווי געטונקט אין פאַרבן און מיט העק אין הענט,
ווי פייער־לעשער, ברעכן ווענט.
ברעכן צאַמען!
— גייען פאַר דער וועלט, פון אינעווייניק, סודות אויף,
וואָס זיינען איינגעגנאַרעטע געלעגן שטיל ווי אין אַ שלאָף,
צווישן ציגל, אייזן און גראַניט,
נאָך פון אַלטע טעג געשמידט.

צעפאַלן ווענט
פון שטאָק נאָך שטאָק,
באַגלייט מיט זון פון טאָג,
וואָס דעקט די חורבה איבער מיט אַ בלענד:
— אויגן זאָלן ניט פון אונטן נאָך דערזען,
וואָס עס איז אַמאָל אין זיי געשען...

צעברעקלען זיך מיט שטויב און קאַלך, די שטיבער פון אַ שטאָק:
פאַלן באַלקנס, שיטן זיך די ציגל פון איעדער זייט,
ווי דער בנין וואָלט געוועזן ניט מער שוין פּאַסיק פאַר דעם טאָג,
וואָס קומט מיט נייער צייט.

אַ הויז.
באַלקנס, ווענט צעלעכערטע און ווילד,
קוקן ווי מיט פּחד אין דער גאַס אַרויס;
פֿאַלנדיק פֿאַנאַנדער פֿון די קלעפּ פֿון העק
האַמערדיק געצילט.
און ווי מיט שרעק,
צעקרישלען זיך די שטיבער פֿון דער הויך ביז נידער,
אויפֿגעריסן מיט דעם פֿייער פֿון דער נייער צייט,
און שרייענדיקן שפּליטער.

אַ הויז.
פֿון אויפֿגעפּראַלטע פֿענצטער,
קוקן צו דעם הימל — שאָטנס ווי געשפּענסטער,
ווי זיי וואָלטן וועלן בעטן ביי דער וועלט;
— „לאָז דאָס הויז מיט אונדז נאָך שטיין אין ראַמען אויפֿגעשטעלט,
צעשטער ניט ביז די אַרבעט און די מי פֿון הענט,
וואָס האָבן דאָס מיט פֿרייד און כּוח אַמאָל,
אין טעג פֿון ווינט און זון באַאַשטראַלט געבויט,
צום הויך אַרויף פֿון טיפֿן טאָל;
געפֿאַרעמט אַזוי שיין, גראַנדיעז דאָס הויז,
פֿאַר דעם לוין פֿון ברויט“.

עס וואַרפֿט דער טאָג אַריין,
דורך לעכער, אין דער חורבה פֿייערדיק זיין שיין,
און צעהענגט אויף בערג מיט ציגל, פֿון דער זון די שטראַלן;
דער האַמער־קלאַנג זאָל דונערדיקער פֿאַלן,
און באַפֿרייען פֿון די ווענט, די סודות פֿון אַמאָל צוריק,
וואָס זיינען יאָרן־לאַנג,
אין ליימיקן געפֿאַנג,
געווען פֿרעמד פֿון הימלס בליק.

װענט.
װאָס זײנען אין די װינקלען נאָך פֿאַרבליבן,
אויף אַ װײל דאָרט שטײן פֿון מידע הענט;
קוקן האַלב צעבראָכן װי מיט שרעק איצט צו דער װעלט אַרויס,
פֿון װאַנען ס׳טראָגט זיך איבער זײ פֿון לעבן אַ גערויש; —
פֿון לשונות, װאו זײ האָבן זיך אין שטאָט פֿאַרקליבן,
פֿון דער נאָענט, און פֿון װײט,
דורך יאָרן פֿון דער צײט.

װענט.
װאָס האַלטן זיך נאָך װי צוזאַמען,
אין די רויִע באַלקנדיקע ראַמען:
— פֿון געצײלטע טעג;
— פֿאַרהאַלטן דאַכט זיך, סודותדיקע קלאַנגען,
װאָס נאָרען זיך אין װינקלען פֿון אַן אויפגעפּראַלטער שטוב,
װאו דאָס לעבן האָט אַמאָל געשפּילט;
— דעם טאַנץ פֿון פֿרײד און פּײן, באַהאַנגען מיט געזאַנגען,
און איז אַצינד באַהאַפּטן מיט דער ערד שוין ערגעץ װאו, —
פֿון אומקום אײנגעשטילט; —

צעפֿאַלט אַ הויז, —
פֿון יאָרן לעבן מיט גערויש,
פֿון זינגען, פֿון די פֿרילינגען, די פֿרײד פֿון האַרץ אַרויס.
פֿון זינגען, האַרבסט־מעת־לעתן, װי נאָך זיך אַלײן,
בײ דער שװעל פֿון טויער צו דעם מאָרגן דורכצוגײן.
— שװעבן איצט די קלאַנגען אין דער גאַס אַרויס,
מיט זײ די סודות פֿון אַיעדער שטוב אין הויז.

נ. י. 1931

דער טאַנץ

(סאָנעט)

אַ חתונה, עס טאַנצן געסט נאָך קלאַנגען פון מוזיק;
— אַ בחור און אַ מיידל האָבן חתונה די נאַכט.
צעוויגן זיך די פּאָרלעך און זיי טאַנצן אויס דאָס גליק,
וואָס האָט זיי צו דער חופּה מיט אַ מזל־טוב געבראַכט.

ניגונים טראָגן זיך אַרום פון קלאַנגען אויפגעוואַכט,
און הענגען ברכות אויס אין יעדן ווינקל פון דעם זאַל,
וואו חתן, כלה, ווערן ווי מיט שיין פון זון באַוואַכט;
געררויש פון גליק צעפּאַלט זיך איבער זיי פון איבעראַל.

כלי־זמרים שפּילן אויס די מחותנימס — צער און פרייד,
וואָס טראָגן זיך פון יאָרן בירושה פאַר דער וועלט,
דער שטאַם פון דור צו דור פאַרבלייבן זאָל אַזוי געקייט,
דאָס לעבן זאָל אין פרעמד ניט זיין מיט שאַטנס מער פאַרשטעלט.

מיט מזל־טוב צעטאַנצן זיך די געסט אין פרייד אַריין,
און צינדט די אויגן זיי מיט וויזיעס פון אַ וועלט אין שיין.

שטאָט

ווענט.
אַ וואַלד מיט מויערן,
איינגעגאָגלט אין דער ערד.
שטייען הייזער און קופּאָלן פון דער זון צעבלענדט,
טורעמדיק צעשפּיצט צום הויך;
ווי פעסטונגען אַרום צעשטעלט,
די אוצרות צו באַוואַכן
אין דער שטאָט.
איך,
מיט שלאָף נאָך אין די אויגן,
פלאָנטער זיך באַגין אַריין אין שטאָט,
דורך גאַסן־היילן אויף דער שטיינערדיקער ערד;
— אויסצושפּילן אין געראַנגל, נאָך אַ טאָג.
טיילמאָל,
דאַכט זיך מיר איך הער פון אונטער מיינע טריט,
אין גאַסן פון דער שטאָט;
אַ געוויין פון ערד,
וואָס וויינט אַרויס צום טאָג;
— „שטאָט.
אין פרילינג־טעג, דערבלי איך ניט דורך דיר.
דורך דיינע שטיינער לאַפּעס,
קען איך ניט באַהעפטן זיך מיט זון.“
ווערט געוויין פון אָפּגעהאַקטע וואָרצלען פון דער טיף,
פאַרשלונגען אין גערויש פון רעדער־דרייערײַ.

און טיילמאַל,
זע איך אין די ווינקלען פון די גאַסן,
ביי די הייזער און קופּאָלן אויף דער ערד;
רייסן זיך מיט ציטער שטילע גראָזן פון דער טיף אַרויס,
צו אַ שטראַל פון זון.
ווערט דאָס גראָז,
צעטראָטן פון געאייל פון טריט,
וואָס געוועלטיקן אין שטאָט־יריד.
— ווילט זיך אַ געשריי טאָן הויך;
— „שטאָט!
פון אונטער דיין פאַרשטיינטן קערפּער,
רייסט אַרויס זיך צו דער וועלט;
— אַ גאָרטן.
— אַ ניט צעבליטער פרילינג,
מיט ניט צעלעבטע לעבנס.
און דו, אַ, שטאָט,
מיט דיינע שטיינער לאַפּעס,
איינגעגנאָגלט אין דער ערד,
האַלסט געפּענט און ווי פאַרצאַמט,
די שפּראָצונגען אין יעדן ווינקל
און געוועלטיקסט איבער זיי מיט שטיין און שטאָל.“

וועלקט אַ גאָרטן, ניט געבוירן אין דער ערד,
פון קיינעם ניט באַדויערט.
און דו, אַ, שטאָט,
באַפּעסטיקט מיט גראַניט און אייזן,
שטייסט באַפּאַנצערט ווי מיט בליאַסק פון גאָלד צום הויך,
און קוקסט מיט דיינע אויגן,
אויף די פעלדער, גרין און פריי,
וואָס ליגן ווי מיט ציטער שוין ביי דיינע פיס,
באַדעקט מיט אָטעם פון דיין שטויב און רויך.

נ. י. 1923

אויף די קעטסקיל בערג

בערג אויף בערג,
מיט יאָרן־מאָך פון האַרבסטן איבער זיי,
ניט געציילטע פון דער צייט, —
צינדן זיך אין רויטן־גלי.

בערג, ווי אַנגעוואָרפן און געקייט
ביי גרין־צעטאָלטע פעלדער,
ליגן ווי מיט שווייגן פריי
צו באַהאַלטן סודות פון דער וועלט.
אויף זיי אין הויך מיט זומער אויפגעהעלט,
צו פאַרדעקן וויסט פון רויען שטיין;
— וויגן אום זיך מיט געזאַנג;
קיילעכדיקע גאָדל־וועלדער.
און באַוואַכט
פון גערטנער איינגעטינקט אין שיין,
רוען טאָלן אויף דעם גרינעם סאַמעט־בלי,
ווי פאַרטיפט פון גאָטס געשאַנק.

וויגןביימער זיך ביי בערג, וואָס קייטלען זיך אַוועק
און גאָלדן זיך אַרויף אין פאַרביקן פאַרנאַכט.
איבער הויך־באַמאָכטע פעלזן־ווענט,
ווי פון חורבות פון אַמאָל אין אימה־טעג;
וואָס באַהאַלטן אומקום עפּעס פון אַ לעבן;
— בליקט די זון צעברענט,
פון טיפער ווייט אַריבער
צו די ברייט־שעמערירענדיקע גריבער,
ווי עס קוקט אַצינד אַרויס די רו
און הערט ניט אויף פון סיף — חלומות וועבן.

און איבער זיי,
פון ערגעץ וואו,
שווימען אָן שוין וואָלקנס אָנגעטאָנענע מיט נאַכט,
ווי שיפן אויפן ים
אַנטקעגן זונענדיקן פלאַם, —
באַגלייט מיט שאָטנס אָן אַ צאָל,
וואָס גייען פאַר דער שיין פאַרביי;
— דעם טאָג, פאַרטרייבן איצט מיט שוואַרצע מאַכט.

און אין טאָג־געראַנגל מיט דער נאַכט אין טיפן בלוי;
ווערט טייך און טאָל
ווי מיט דימענטע וואוּאָלן צוגעדעקט.
פאַרנעפּלט מיט פאַרנאַכטיק־טוי,
און מיט שאָטנס פיל, די ערד באַפלעקט,
קוקן טאָלן פון די פעלדער
ווי מיט ציטער צו דעם הויך,
אין דעם הימלדיק־געבלענד,
וואו עס ווערן פעלזן־ווענט,
צעצינדן אין דעם מערב־פלאַם
און גליען זיי אין פייערדיקן ווייט;
— דער שטויב פון יאָרן זאָל פאַרגיין אין רויך.

און די וועלדער,
ביי די בערג צעשפּרייט,
וואָרצלען טיפער איין נאָך זייער שטאַם;
און מיט פייגלדיק געזאַנג,
הילן זיי זיך איין אין לעצטע שטראַלן,
וואָס פאַלן
פון דער הויך
אין אונטערגאַנג.

ב ר ו י ט

ברויט —
רוישט פון אויפגעפראַלטע ווינקלען צו דער וועלט די נויט.
און איבער יעדן הונגער־אויסגעשריי,
צעטראָגט זיך אונטער הויכן, צער און ווי;
— ברויט, ברויט, ברויט.
און ווי אַ ווינט, וואָס רייסט זיך מיט געוואָי פון וואַלד אַרויס,
רייסט זיך אַלץ נאָך צו דער וועלט פון גאַס און הויז
— די נויט.

און ווי דער רויש פון ים, געטריבן פון דעם ווינט,
בלאָנדזשעט אונטער הימל אום אַ ווידערקול פון גרייז ביז קינד:
— „עס האָט דער מזל אונדז געגרייפט אין פראָסט און פיין,
פאַר די פיס אינמיטן בלי, דעם האַרבסט געשפרייט,
און פון לעבן דאָ ווי אָפּגעשיידט.
מיט גרויל פאַרהאַלטן אונדזער טראָט אין וועלט אַריין,
מיר זאָלן ניט צעטראָגן פון אָן אויפברויז־פייער אין אַ ליד,
וואָס פלאַמט פון בליק און גליט:
— מיר זאָלן נאָך ווי נעכטנס אין דעם פלאָם אין מערב־זייט פאַרגיין.
דאָס לעבן זאָל אונדז ניט אַמאָל אין וועג צעברויזטע זען,
מיט הענט נאָך הענט,
אין דעם געבלענד״. —

נאָר ווי דער שטורעם איבער בערג, וואָס רייסט זיך צו דער ווייט,
רייסט פון חורבות זיך אַרויס דער צאָרן פון דער צייט,
און צעטראָגט זיך איבער שליאַכן, איבער וועג,
ווי די לופט אַדורכצוזעגן מיט אַ זעג,
וואו דאָס לעבן האָט צעוויגט בייז, איבער שטאָט און לאַנד די נויט —
מיט געשריי נאָך ברויט.

און אַזוי
פאַרגאַלט פון פּיין און גרוי,
ווי אָן אַ סוף,
גייט איבער ים און לאַנד די אָרעמקייט נאָך ווי אַ נעפּל אויף.
און ווי אַ שטאָט אויף בערג וואו ס׳רוישט דער ווינט וואָס לויפט אָן ווילד,
ווערט פון אויפגעפּראַלטע טיפן דער געשריי ניט איינגעשטילט:
און עגבערט טעג נאָך טעג, נאָך בייזע נעכטנס אין געדאַנק
מיט דעם בלייענעם געקלאַנג:
— ברויט, ברויט, ברויט.
ניטאָ קיין סוף נאָך צו דער נויט!

נאָר טויב צום ווידערקלאַנג,
וואָס פאַלט ווי שטאָל אויף אייזן מיט פאַרלאַנג —
נאָך ברויט
און אַ סוף שוין צו דער נויט: —
האַלט אָפּגעקערט
די רייכע זעט איר בליק,
פון דער אָרעמקייט, וואָס רויעט זיך אַרום אין מיסטן אויף דער ערד.
אָפּגעקערט פון יום־טוב, אָפּגעשיידט פון גליק,
פאַרשטויסן פון סאַלאָנען פרייד,
וואָס דרייען זיך ווי קאַרוסעלן ווילד פאַרביי,
מיט געזאַנג פון שיכור־טענץ באַגלייט.

נאַקעט פריי: —
נאָך האַלט אַלץ אָפּגעקערט
די רייכע זעט איר בליק
און הערט ניט ווי עס שרייט אַרויס
פון גאַס און הויז
מיט ווי די נויט:
— נאָך ברויט.

אַ קאַרוסעל

אויף מיין וועג
פון ווייט צו ווייט,
אין תהום פון דער צייט,
וואו עס שפּילן זיך אין פאַרבן־שפּיל
ווי אָן אַ ציל —
נעכט מיט טעג.
האָב איך דאָ זיך מיט אַ חידוש אָפּגעשטעלט
אין מיטן פון דער וועלט.
און אין דעם שפּיל פון נעכט און טעג,
האָב איך אויף דער ערד דערזען,
וואונדער־שיין,
אַ בילד;
דאָס לעבן — אַ קאַרוסעל.
דרייט די קאַרוסעל זיך טומלדיק אַרום:
רונד און רונד אַרום,
וויכערדיק און ווילד.
הילט מיט ווינט זיך איין אין ווינט
און שניידט די רו,
שפּילט מיט לידער צו,
ווי מיט קלאַנגען צו פאַרהילן,
און פאַרשפּילן
אַלץ נאָר דעם אַצינד.
רייסט דאָס ראָד:
מיין בליק אויף גאַסן אין דער שטאָט,
אויף דעם לויפנדיק געדריי,
אין וויכערדיק געשריי,
וואו קלאַנג און רויך,
פאַרגייט אין הויך.

קוק איך אויף דעם לעבן
אין געווירבל, אויף דאָס שוועבן;
אויף דעם קייקלען זיך אַהער,
אויף דאָס וואַקלען זיך אַהין...
וואו איך גיב זיך נאָר אַ קער
אין געשריי פון ניט דערזאָגן,
אויף דאָס איילן צו דעריאָגן,
דאָ און דאָרט ווי אָן אַ זין;
ווייס איך ניט אָוואו איך בין?
כ'זע נאָר אויף דער קאַרוסעל,
ווי אין אַ וויכער גיך און שנעל;
— געשטאַלטן שוועבן,
טראָגן אין געאייל מיין זעל;
טראָגן אום מיין לעבן
אין געטומל אין געשריי,
אין דעם וויכערדיק געדריי.

אַז די אויגן זיינען אָפן

אַז די אויגן זיינען אָפן,
ווילן זיי דאָך אַזוי־פיל;
וואָס עס קומט אין וועג זיי אונטער
ברענגט מיט זיך אַלץ ניט דעם ציל.

אַז די אויגן זיינען אָפן,
איז דאָס לעבן נאָך אַ שפיל;
— איינער יאָגט זיך נאָך דעם צווייטן,
ווי די פליגלען פון אַ מיל.

נ. י. 1923

"NIAGARA FALLS"

צעשוימטע לאַנגע טייכן,
שוימען ווי דורך אָדערן פון פעלדער;
איילן זיך פון ערגעץ ווייט מיט כוואַליעס אין געיעג,
ווי זיי וואָלטן ניט געפונען אויף דער אויבערפלאַך קיין רו;
— גליטשן זיי אַראָפּ זיך מיט גערויש אין טיפן טאָל,
וואו עס וואוינט דער פּחד פון דער וועלט.

ברויזט דאָס וואַסער שוימיק, איבער פעלזן־ווענט,
וואָס קוקן רויק נאָך פון אַלטער צייט אַרויס פון גרינעם טאָל;
— הויבט אַריבער זיך און שפּרינגט צעווילד אַראָפּ אין טיף,
און לאָזט אַ זילבער־רעגן איבער זיך אין הויך.

לויפן אָן אָן אָנהויב, אָן אַ סוף,
וואַסערן נאָך וואַסערן אין שטראָמיקן געאייל,
אַרונטער מיט צעשוימטע כוואַליעס איבער קעפּ פון בערג,
און וואַרפן אַ גערויש אין רוים אַריין;
צעשטערן שטיקער שווייגעניש פון וואַלד און פעלד,
און לאָזן ניט, די יאָרן, דורך מעת־לעתן זיין אין רו.

קוק איך אויף דעם וואונדער פון געלויף;
אויף דער קראַפט און ווילדן אומרו פון דעם וואַסער;
— אַז עס דאַכט זיך מיר, די ערד פון אונטער מיינע פיס,
שווימט איצט אויך אַוועק מיט שניי־צעשוימטע ווענט.

— עס דאַכט זיך, ווי דער רויש פון וואַסערן דערציילט;

„מיט יאָרן לאַנג צוריק,
האָט אין דעם ברייטן, טיפן טאָל, געגלאַנצט אין זון אַ טייך;

— דורות לעבנס, האָט ער אָפּגעשפּיגלט אין זיין שיין.
געוויזן קלאָר דעם הימל, אויך זיין יעדע פאַרב קאָליר;
— אין זון־פאַרגאַנג, אין ערב־פרי, דעם מזרח־פלאַם,
ביז איינמאָל, האָט געטראָפן נאָך אַ שטורעם אין אַ טאָג;
די זון האָט אויפגעהויבן זיך נאָך העכער אין דער הויך,
נאָך טאָרנאַדע ווינטן, איבער ים און איבער לאַנד —
צו באַלייכטן מיט איר שיין דעם חושך פון דער וועלט;
האָט דער הימל זיך ניט אָפּגעשפּיגלט אין דעם וואַסער,
ווי ער האָט געזען זיך אין פראַכט, די גאַנצע צייט, —
פון פאַרדראָס, האָט ער אויפגעציטערט ווי פון זיך אַליין,
און צעוואָרפן פייער־בייטשן אונטער זיך אין רוים;
דונערן אַראָפּגעוואָרפן אויף דעם טייך;
ביז דער טיפער אָפּגרונט, האָט צעשפּאָלטן זיך אין טיף,
און דאָס וואַסער איז צערונען אין די טיפן פון דער ערד.״

„— איילן זיך די טייכן שוין פון יאָרן אָן,
אָנצופילן נאָך אַמאָל מיט וואַסער אָט דעם טיפן אָפּגרונט,
עס זאָל ניט ווער דערקענען, וואָס עס איז געשען אַמאָל.
נאָר וויפל ס׳זאָלן זיך ניט גיסן וואַסערן אַראָפּ אין טיף,
מיט שניי־צעשוימטע כוואַליעס אין געלויף,
ווערט דאָס וואַסער, ווי פאַרפאַלן אין דעם טיף־געהיימען מויל,
אונטער שטיינער שיכטן פון דער ערד,
ווי דער צאָרן פון דעם טייך מיט יאָרן לאַנג צוריק,
וואָלט נאָך אַלץ ניט וועלן מוחל־זיין דעם הימל.״

„— און אַזוי שוין טעג און יאָרן, אָן אַ חשבון פון דער צייט,
אָן אַ רעכענונג פון דורות, דורות הינטער היינט,
שטראָמען טייכן, פול צו מאַכן נאָך אַמאָל דעם טאָל;
דאָס וואַסער זאָל דערהויבן זיך צום הויך צו גרינע ברעגן —
עס זאָל אַ טייך זיך דאָ צעשפּיגלען אין זיין שיין;
פאַר פעלד און וואַלד, פאַר טאָל און באַרג,
וואָס ליגן לאַנג שוין ניט געזעענע פון זיך אַליין...״

„— און אַזוי שוין יאָרן־לאַנג,
שלאָגן זיך די וואַסער־שטראָמען, מיט די כוואַליע־בערג,
און קענען ניט באַזיגן זיך אין דעם געפעכט.
פאַלן פון דער הויך די וואַסער־פאַלן, איבער וואַסער־פאַלן,
ווילד און ווילדער מיט געליאַרעם פון געברויז,
צו דערהויבן נאָך אַמאָל די טיפע קוואַלן אין דער הויך;
ווייטער זיך צוזאַמענגיסן אין אַ שפּיגל־בלויען טייך,
וואָס זאָל זיך לייטערן אין זון בייטאָג;
— שפּיגלען אין לבנה־שיין ביינאַכט;
— עס זאָל דער הימל נאָך אַמאָל אין פאַרבן־שיין,
דערזען אין טייך, זיין חטא פון דורות לאַנג;
און שפּיגלען אין דעם וואַסער זיינע זינד...“

ווינטער

דער האַרבסט האָט צוגעדעקט די האַרטע ערד מיט גרויע טעג,
די ביימער אָפּגעשיילט מיט מעסערדיקער קעלט.
די פייגל זיינען מיט דעם זומער, ערגעץ ווייט אַוועק
און מיטגענומען דאָס געזאַנג פון וואַלד און פעלד.

מיט מחנות וואָלקן, זיינען אָנגעשוואָומען בערג מיט שניי,
אַראָפּגעלאָזט זיך, איבער — ווינטערן אויף ערד.
צעטראָגט זיך איבער פעלדער, ווינט מיט ווייסן פראָסט פאַרביי,
און ברעכט דעם לעצטן נעסט וואָס איז נאָך ניט צעשטערט.

די קראָען פלעקן דורך די לופט, פון פרי ביז זון־פאַרגאַנג,
און יאָגן זיך מיט ווינט, ווי דורך אַ ווייסן רויך.
צעהענגט זיך איבער וואַלד, דאָס ליד פון זומער־אונטערגאַנג,
פאַרדעקט דעם וועלק אויף ערד, מיט שניי וואָס פאַלט פון הויך.

בלויז אַ שפּיל

איך,
אַ מענטש
אין נעץ פון קלעם,
פון מיין אייגענעם באַשאַף.
בין דאָ אין מיין זיין ווי אויף אַ ווייל,
דער שומר אויף דער ערד,
דער באַוואונדערער פון מאַי,
דער באַטראַכטער פון דעם רוים.
מיין לעבן איז די שפּיל
פון ווינט און פון גערויש,
פון שטאָל און שטיין,
צעוויכערט פון געאייל.
— איבער מיר,
דאָס בייטן זיך און גיין פאַרביי,
אין אַ פאַרבן־שפּיל,
טאָג און נאַכט,
מיט בלענד
און באַנג.
— אונטער זיי:
— אַ שאָטן בלויז,
בין איך אויף דער ערד:
צו איבערנעמען, טעג,
מיט קאַרגע פרייד,
און שווערע פיין.
— געפירט ווער איך, דורך דעם אַרום,
ווי פון הענט דאָ פון דער צייט,
פאַר אַ שפּיל בלויז פון דער וועלט.

אַ פּ י י ע ר

אַ פֿייַף פֿון פֿייַער־טורעם,
אין אַ ווינקל פֿון דער שטאָט,
האָט אויפֿגעוועקט דאָס שווייַגן פֿון דער נאַכט.
אַ רויטער וואָלקן האָט באַלויכטן פֿענצטער
פֿון די הייַזער איבער גאַסן ווייט און הויך,
און אָפּגערויטלט זיך אויף דעכער און אויף ווענט.
אַ פֿייַער!
שויבן פֿאַלן אויף דער ערד,
און קלינגען גלאָזיק אָפּ מיט בראַזגערייַ,
צעוואָרפֿנדיק אין גאַס אַ שרעק.
עס איז אַ הויז געוואָרן ווי דערשטיקט פֿון רויך
און אָנגעהויבן פּלאַצן מיט אַ ווילדן ברויז.
רויטלט זיך די שטאָט אין מיטן נאַכט
און צינדט מיט פֿונקען אָן די שוואַרצע לופֿט.
פֿייַער־רויכן, הויבן זיך צום הימל;
קנוילן זיך מיט זייל נאָך זייל אַרויף
און ברענען דורך דאָס פֿינצטערניש אין רוים.

עס ברענט אַ הויז.
שטיקער פֿייַער ווילד צעשייַלט פֿון רויך,
צעשפּרינגען זיך דורך פֿענצטער און דורך טירן,
און צעווילדעווען זיך איבער דעכער, האַלץ און ווענט.
אין מיטן נאַכט,
פֿייַער־פֿלאַכטעס שרפֿען אויס די לופֿט
און צעגליִען כמאַרעס אין דער הויך.
אויפֿגערודערט און מיט ציטער ווערט דאָס לעבן,
אין געווירבל, אין געשרייַ,
פֿון לויפֿן הין און הער,
פֿון שכנותדיקע הייַזער אין די גאַסן.

צעציטערן פון ווייט אויף פענצטער,
און צעגליען רויט די שויבן,
פון די פייער־פאַקלען, פון די פייער־לעשער,
וואָס טרייסלען אויף די שטיינער אויף די וועגן,
בריקענדיק מיט רעדער אין גאַלאָפּ צום הויז.
ליכטיק ווערט דער הימל,
ווי עס זאָל די וועלט —
אַצינד דערזען, דעם צאָרן פון דעם פייער;
— דאָס בייז און שנאה פון די ביימער, —
וואָס האָלץ־העקער, מיט שאַרפע העק;
האָבן זיי אַמאָל אין וועלדער,
פרי נאָך פאַר דער צייט,
פאַרקירצט די יאָרן,
און מיט זעג צעשניטן זיי,
פאַר דעם פאַרברויך.

איך גיב אַ טראַכט

דאָס לעבן
איז פאַר מיר אַ סוד.
— אַ שליחות אויף דער ערד,
וואו מיין לעבן גייט פאַרביי די צייט.
טראַכט איך פון דעם וואונדער
וואָס רינגלט מיך אַרום אויף יעדן טראָט
אין גערויש דאָ אויף דער וועלט.
באַוואונדער איך דעם סוד
וואָס לעבט אין מיר
און באַוואונדער מיינע אויגן
וואָס איך זע דורך זיי —
דאָס לעבן.

אין נאָוועמבער-טעג

די זון,
האָט זיך אָנגעברוגזט אויף דער וועלט.
מיט אַ בלייכן שלייער ווי מיט רויך
האָט די זון דאָס פּנים זיך פֿאַרשטעלט
אין בלויען ווייטן הויך
און אויפֿגעהערט צו זיין,
מיט איר פֿייערדיקער שיין,
אַן אָפּטער גאַסט אין שטאָט.
ווערט דער הימל אומעטיקער פֿון פֿאַרדראָס:
מיט וואָלקן־טייכן ווי באַשוועֶרט,
און קוקט אַרונטער ווי אַ גרוי באַפֿלעקטער גלאָז
מיט טרויער אויף דעם טאָג,
אויף דער קאַלטער ערד:
— זוכט דעם וועלק פֿון בלעטער ביי אַ בוים:
רעשטלעך פֿון דעם זומער ביי אַ ראָג,
פֿון פֿאַרגיין, דעם סוד.
ווערט ציטערדיק און בלייך די שטאָט,
פֿון ניט דערכאַפּן נאָך אַ שטיקל זון אין רוים.
ווערן גאַסן ווי מיט שטיקער נאַכט באַדעקט,
מיט שאָטנס אויסגעשפּרייט אין הויך.
און דער ווינט, מיט וועלק זיך טראָגט באַפֿלעקט
איבער נידער און אויף שטאָק:
פֿאַרנעפּלען זיך די הייזער, ריי נאָך ריי,
אינמיטן גאַנג פֿון ניט דערגאַנצטן טאָג,
וואָס גייט מיט רויש פֿאַרביי.
און דער רויך,
וואָס פֿאַבריקן אָטעמען פֿאַרטעמט און שווער,
פֿאַרדעקט אין ראַנד — דעם פּלאַם נאָך מער.

צעהוליעט זיך אין לופט דער ווינט
און רייסט, און שפּינט,
איבער הייזער און קופּאָלן, כמאַרעס אויס,
און ווייעט אויף דער שטאָט אַרויף
מיט וואָיענדיק געדויש
דעם זומערדיקן סוף.

אין רעגן

דער הימל באַדעקט זיך מיט וואָלקנס
ווערט בלייכער און פינצטער אַלץ מער:
ער הויכט אויף דער שטאָט אויס זיין אָטעם
און מאַכט איצט דעם מאָרגן מיר שווער.

דער הימל גיסט דראָבנע אַ רעגן
און זיפּט מיר מיט קעלט דורך מיין בלוט;
דער אומרו גייט נאָך מיר אויף וועגן
ווי כ׳וואָלט אויף זיי קיינמאָל גערוט.

עס וואַשט זיך די שטאָט אין דעם רעגן
און פּרירט מיר אַ גליד נאָך אַ גליד,
עס ווערן מיר האַרבסטיק די אויגן
פון גיין און ניט ציילן די טריט...

אַ ווינטער פרימאָרגן

די נאַכט
האָט געגומען שיילן זיך און פאַלן פון די מויערן אַראָפּ;
— אויפגעהויבן זיך אין הויך צוריק.
די טיפע ווייט, האָט די רויטע לאָדן אויפגעמאַכט,
אַרויסגעשטעלט פון ליכט דעם קאָפּ.
און מיט זון אין בליק
אָפּגעשיילט פון שוואַרץ די שטאָט.
— דער טאָג איז אויפגעגאַנגען איבער שניי,
געלאָזט פאַרברענען הינטער זיך די נאַכט אין מאָרגן־פלאַם,
און רעגן־פונקען אין דעם ווינט צעשפּריצט;
— צעוואָרפן גאָלד אויף שניי פאַר שוועל און טראָט.
קופּאָלן האָבן זיך אין בלענד צעבליצט;
שויבן האָבן זיך פון דעם באַגין צעגליט אין הויך,
און איינגעשלונגען פלאַם פון זון אין הימל־ים,
וואָס האָט געצויגן זיך צו זיי,
דורך קנוילן רויך.
דער פראָסט,
באַדעקט מיט זילבער,
האָט מיט שיין פון פענצטער ווי אַרויסגעקוקט אין גאַס,
אָנצושפּיגלען זיינע בילדער
אויפן וועג וואָס איז געלעגן מיט אַ ווייסן פּאַס,
און האָט צום טאָג, דעם שטיינער צודעק ניט אַרויסגעלאָזט.

די שטאָט,
אויפגעוועקט פון נאַכט־חלומות פון דעם שלאָף,
האָט צעשריען זיך מיט כעס אויף זיך אַליין,
פאַרוואָס זי איז פאַרשלאָפן טיף אין שניי,
און צוגעדעקט מיט פראָסט דעם נעכטנס טראָט.

גאַס נאָך גאַס, געפינקלט האָט פון נידער ביז אַרויף,
פון כוואַליעס זון וואָס זיינען שטיל פאַרביי דורך זיי.
דאָס לעבן האָט די טירן אויפגעעפנט און גענומען גיין;
אַרויסגעשלעפּט פון טאָג דעם טומל אין דער שטאָט;
אויטאָס און טראַמווייען איינגעשפּאַנט אין גאַסן צום געיעג,
און אָנגעדרייט פון יאָגעניש די ראָד,
אויפן ווייסן וועג
אין שטאָט.

ג. י. 1933

באַגלייט מיך דער שניי דורך די גאַסן אַהיים

באַגלייט מיך דער שניי דורך די גאַסן אַהיים;
דער טאָג ווערט צערונען פון מערב, געהיים.

אַ הויז מיט אַ הויז ווי געטוליעט אין ריי אין דער שטאָט,
שטייען געוואָרצלט ווי בערג אין אַ פּראַסטיקן פעלד
און ווערן מיט שוויגן באַשאָטן פון פאַלן, פון שניי,
דער שטויב פון די האַרבסטן, עס זאָל ניט אַרויף איבער זיי,
באַפלעקן די קלאָרקייט פון שניי אין דער וועלט.
קוקן קופּאָלן באַזילבערט אין גרוי־קאַלטן ליכט;
עס רייסן זיך פלעמלעך פון פענצטער אַרויס אין דער שטאָט,
ווי ס'שווימען אין הימל די בלייענע וואָלקנס געדיכט
און וואַרפן פון הויכן דעם ווינטער אַראָפּ
מיט בלענד ווי מיט פינקען אויף פאַלנדיק שניי, —

כ'זאָל קוקן אויף אים און דערזען אויך די גרוי אויף מיין קאָפּ,
אין גיין וואו איך לאָז אין די שנייען מיין טראָט.

ש נ י י

די נאַכט,
האָט פּראַקטיק שטיל
ווי פון העלן מאַרמאָר־ליכט:
אויפגעוואַכט.
שניי.
— אַ ווייסע אַרמיי
אָן פויק אָן שפּיל,
גייט פינקלענדיק אַראָפּ געדיכט
פון הימל אויף דער ערד.
ווערט
פון דער גייענדער אַרמיי
פון שניי,
באַלאַגערט פינצטערניש פאַר טיף און ברייט
אויף מיילן ווייט,
און פאַרדעקט אויף יעדן טראָט,
פלעק נאָך פלעק פון נאַכט און רויך
איבער גאַסן פון דער שטאָט.
פלאַטערט אויף אַ מויער עפּעס ווי אַ ווייסער פאָן,
ווי עמיץ וואָלט באַפוילן אין דער הויך
די שטאָט אין ווייסן אָנצוטאָן.

גייט און גייט
ניט צעשיידט
אַרמיי נאָך אַרמיי,
פון שניי
און פאַרמעקט די פוסט און שרעק
פון שטיקער נאַכט אויף הויז און וועג.

ווערט אין גאַס אויף וואַנט און מויער,
שאָטן נאָך אַ שאָטן אָפּגעמעקט
און פון פינצטערניש, דער טרויער
ווי מיט דימענטן באַדעקט.
בלענדט די שטאָט פון נידער ביז אין הויך,
און עס ווערט דער הימל ווי באַזילבערט אויך;
ווערט די נאַכט אין רוים
מיט ליכטיקייט צעשפּרייט —
צעזייט
פון שניי די פרייד.

ווערט דאָס לעבן אין דער שטאָט באַוויסט,
די נאַכטיקייט פון אויפשיין אויפגעלייזט.
פלאָנטערט זיך דאָס לעבן ווי מיט שאָטנס אום,
און ליכטיקט זיך אין נאַכט אַרום.
קוקן פון די הייזער אין דער נאַכט אַריין
פענצטער אָנגעצונדענע מיט גליענדיקן שיין,
ווי פּנימער אין ווייסע שאַלן איינגעהילט.
האָרכט מיט קאַלטע רו
די נאַכט זיך צו
צום יעדן שפּרייז און טראָט,
ווי רזישיקייט פון שטאָט,
ווערט אין שווייגן, ווי אין אַ חלום איינגעשטילט
פון דער גייענדער אַרמיי,
פון שניי.

שיפן

לאַנג און ווילד צעפּלאָסן,
ליגט צעשפּרייט דער וואַסער־מדבר
אָן אַ רגע רו.
וואַרפן זיך צעלאָזן
וואַסער־בערג מיט בערג זיך איבער, —
דעקן טאָלן צו.

איבער וואָלקן־טייכן,
ווי אַ ליכטיק בלויער שפּיגל,
הענגט דער הימל פריי,
און אַרויף צו גרייכן,
וואַרפט דער ים זיך ווי מיט פליגל,
הייבט זיך מיט געשריי.

איבער אומרו ווייטן,
זעגלען דורך סכנה — שיפן,
אויף דעם וויסט פון ים,
זיי נאָר צו באַגלייטן, —
הייבן כוואַליעס זיך פון טיפן,
שטורמען אָן אַ צאַם.

און די שיפן רייסן,
וואַסער־בערג, וואָס לויפן אונטער
אין דעם ווילד־געיעג,
און מיט אומרו שפּריזן
שניידט זיך יעדער שיף באַזונדער
אויף דעם ים איר וועג.

פון דעם וויסט פון הויכן,
טרייבן ווינטן אָן נאָר שרעקן,
ווי צו זיי געצילט,
ווערן שיפן רויכן
אין דער הויך אויף ווייטע שטרעקן
אויפגעהויבן ווילד.

הייבן זיך און שפּרינגען
כוואַליעס בייזע, ווי די לייבן,
צאָרנדיק פון טיף,
ווי נאָר צו פאַרזינקען
ס'זאָל קיין סימן ניט פאַרבלייבן
פון איעדע שיף.

און די כוואַליע — מיילן,
הערן זיי ניט אויף צו שלאָגן,
וואַרפן נאָכאַנאַנד,
נאָר די שיפן איילן,
שוין די ווייטקייט אָנצאָיאָגן
אָנקערן ביי לאַנד.

צו דער פרעמד אַנטקעגן,
שווימען שיפן און זיי פייפן,
שניידן וויסט און ווייט,
לאָזן אויף די וועגן
שניי צעשוימטע וואַסער־רייפן,
אין פאַרגיין צעשיידט.

לויפט אַ באַן פאַרביי

לויפט אַ באַן,
פון ערגעץ־וואו
אין דער וועלט.
איילט פאַרביי און לויפט אַוועק
דורך וואַלד און פעלד
און טרייבט די רו,
אַראָפּ פון וועג.

קנוילן,
לאַנג און הויך,
שוואַרץ ווי קוילן,
וויקלען אויף זיך דאָרט מיט פלאַם און רויך
איבער רעלסן אויף דער ערד.

— — — — — — — — — — — — — —

איבער פעלד, און אויך דורך וואַלד,
ווילד צעלאָזן, אומגעשטערט
לויפט און שניידט די באַן,
אַריין אין ווייט,
ווי געיאָגט, מיט רויש צעשאַלט,
אָנצוקומען אין דער צייט.

לויפט די באַן;
מייל נאָך מייל
אין געאייל.
רויך און רויך,
אָן געשפּאַן,
קנוילט זיך אויף און זיך צעפּאַלט,
פון דער הויך,
אויף באַרג און וואַלד.

לויפט אַ באַן,
אַרויס פון בערג אין פרעמד אַריין,
געיאָגט פון מאַכט,
פון ערגעץ וואו.
רויך אויף רויך,
שוואַרץ ווי נאַכט,
דעקן בערג און טאָלן צו,
הילןביימער, ווי אין נעפּלען איין,
מייל נאָך מייל.

און די הויך,
ווי פון כעס,
פון געלויף, פון דעם רעש,
פון דאָס שניידן בייז די רו;
טרייבט אַ ווינט אַוועק דעם רויך,
און צעיאָגט אים, אין געאייל,
מיט די פינקען אָן אַ צאָל,
אין די הויכע וייטן וואו.

פליט מיט ליד אַ פויגל אָן;
צעהענגט אין לופט, געזאַנג,
שיילט זיך אויס דער וואַלד אין שיין;
קומט צוריק אין טאָג אַריין.
צינדט די זון אַ באַרג דאָרט אָן,
ווי נאָך נאַכט פאַרגאַנג,
פאַלט אַ שטראַל אַראָפּ אין טאָל;
ווערן פעלדער, גרין און שיין,
און עס קומט די רו צו גיין.

אויפן וועג פון דורות

אויפן וועג פון דורות

סאָנעטן־רינג

א.

אין שיין פון פלאַם, וואָס ליכטיקט מיט באַגין די וועלט
און וועקט מיין לעבן צוצונעמען נאָך אַ טאָג,
צו קענען אַלץ נאָך וועגן, מעשים אויף אַ וואָג,
צו כ'האָב ניט פון מיין דור, דעם וועג צום זיג פאַרפעלט; —

גייט אויף דער טאָג, ווי כ'האָב מיין פוס אין פרעמד געשטעלט;
געלעגן איז פאַר מיר דער קאַלטער עלנט פריי;
— דער גלעט פון פרילינג, איז פאַר מיר צו פרי פאַרביי,
נאָך איידער ס'האָט דאָס לעבן מיך מיט פרייד באַזעלט.

געוואָרן איז די פרעמד מיר, אייגן אָן געשאַנק,
און זון געלייטערט האָט דעם מאָרגן אין געדאַנק,
וואָס האָט אין וייטע וועלטן מיך געפירט אַוועק.

באַהאָפטן האָב איך זיך מיט קלאַנג פון לעבנס־ליד;
— מיט אייל פון האַרבסט דורך וואַלד מיט ניט געציילטע טריט,
האָט פרילינג מיך באַגלייט אַרויס אין שווערן וועג.

ב.

האָט פרילינג מיך באַגלייט אַרויס אין שווערן וועג,
מיט גייסט פון דורות פאַר מיין בליק, צו גיין מיט שיין,
איך זאָל פון חלום, ווי מיין שטאָם אין וועלט אריין,
מעג נעפּלען זיך מיט בערג די וייטן צו מיין ברעג;

— „מעג וואַיען הינטער מיר, דער ווינט מיט בייזער שרעק,
פאַרדעקן זאָל די נאַכט אויף ערד פאַר מיר געפאַר"׳
— האָט איבער מיר — די שטים געהיילט מיין וואונד פון צער,
וואָס האָט אין יאוש ניט געציילט פון פיין די טעג.

אזוי האָב איך געהערט פון דורות הינטער מיר,
דעם ניגון טראָגן זיך דורך פענצטער און דורך טיר,
וואָס האָט בייזנאַכט, דעם עלנטן פאַרמעקט זיין שרעק.

„בטחון האָט געצונדן גלויבן אין מיין בליק,
באַפעסטיקט צו די וויטן איבער טאָל מיין בריק,
כאָטש הינטער מיר איז ניט די קייט פון פרעמד אוועק".

ג.

כאַטש הינטער מיר איז ניט די קייט פון פרעמד אַוועק;
האָט גלויבן אין מיין שטאַם, געהייליקט מיין באַגער.
די שטרויכלונגען אין לעבן, ניט געמאַכט מיר שווער,
געפירט מיך טיילמאָל אויך צום שוועל פון פרייען וועג.

נאָך זיינען ניט געוועזן מיט וועלק באַדעקט די טעג,
די ערד וואָס איז מיט מאַי געלעגן פאַר די טריט,
האָב איך אויף איר באַזונגען מיט באַגין מיין ליד,
וואָס האָט נאָך ניט געוואוסט פון גרענעצן און שרעק.

מיט מאַי בין איך געקומען און צעשמאָלצן שניי,
און איבער וועגן — בערג און טאָלן — גרין און פריי,
האָט פון מיין אומה, גייסט מיט גלויבן מיך באַזעלט.

דורך פרעמדן, וואו די וועלט האָט מיך אין ווייט געפירט,
צו ווערן מיט מיין זעל פון טיף ביז הויך באַרירט,
האָט עלנט ניט מיט נאַכט, מיין בליק צום ליכט פאַרשטעלט.

ד.

האָט עלנט ניט מיט נאַכט, מיין בליק צום ליכט פאַרשטעלט,
און הינטער מיר דעם וועג צוריק, באַדעקט מיט אייז:
איך זאָל פאַרגעסן פון דער וועלט צו מיר דאָס בייז,
וואָס האָט מיין שטאָם — זיין חלום, שטערן ניט פאַרפעלט.

די שאָטנס פון מעת־לעתן, שאַרן זיך מיט קעלט,
מיט זיי באַנאַנד נאָך פלאָנטער איך זיך אויף דער ערד,
און ווי מיין דור אויף חורבות, ווער איך ניט דערהערט,
ווי אמת ס׳זאָל מיין ליד זיך טראָגן אין דער וועלט.

געלאָזט זיך מיט בטחון איבער לאַנד און ים,
כ׳האָב מיטגענומען די ירושה פון מיין שטאָם;
— דעם גייסט פון דורות, וואָס קיין בייז האָט ניט פאַרלענדט.

געגאַנגען בין איך מיט מיין אומה ניט מיט שרעק,
צעהאַנגען די צוואה מיט געזאַנג אויף וועג;
— די זון האָט איבער מיר אין הויך מיט גאָלד געבלענדט.

ה.

די זון האָט איבער מיר אין הויך מיט גאָלד געבלענדט,
אין ווינקלען וואו די נויט האָט ניט פאַרלאָזט דאָס הויז,
געקוקט האָב איך מיט בענקשאַפט צו דער וועלט אַרויס,
און ניט געזען פאַר מיר אַלץ קלאָר, די בערג און ווענט.

און ווי מיין פוס באַטראָטן האָט פון היים די ענד,
געעפנט האָבן זיך פאַר מיר די וועגן פריי.
עס זיינען ווייטע פרעמדן פאַר מיין בליק פאַרביי,
און טיפער מיינע אויגן צו דער וועלט געווענדט.

האָב איך דערהערט אין לעבן, קלאַנגען פון מיין שטאַם,
וואָס האָט ניט איינמאָל זיך געראַנגלט איבער ים,
ביז ס'איז זיין שיף געקומען צו זיין ברעג אַהין.

און דאָס האָט מיר מיין טראָט געקרעפטיקט אין מיין גיין;
נאָך לאַנגן בלאָנדזשען פון דאָס ניי די זון דערזען,
דערהויבן מיין געדאַנק פון נידער אין באַגין.

ז.

דערהויבן מיין געדאַנק פון נידער אין באַגין,
געוואָרן איז מיין לעבן, פאַרביק צו מיין ציל.
חלומות האָבן ווידער צוגעזאָגט מיר פיל,
און טאָג נאָך טאָג, האָט מיר געבראַכט אין אויפטו־זין.

געוואָרן איז פאַר מיר, דער וועג באַדעקט מיט גרין,
פון ניט צוריקגיין צו מיין נעכטן, — בייז און מיד,
דער ווינט זאָל הינטער מיר, פאַרמעקן מיינע טריט,
און שטערן מיר צו גיין אין חלום־לאַנד אַהין.

און וואָס מיין דור, האָט ניט אין שווערע טעג פאַרזייט,
איך זאָל דעם צוויט מיט שמחה שניידן אין מיין צייט,
דער באָדן זאָל פאַר מיר ניט זיין ווי גליטשיק דין,

באַפעסטיקט האָב איך שטאַרקער איבער טאָל מיין בריק,
די שרעק זאָל מיר ניט שטערן, זען אַ שפור פון גליק;
— דאָס לעבן זאָל מיר קייטלען מיינע טעג מיט זין.

ז.

דאָס לעבן זאָל מיר קייטלען מיינע טעג מיט זין;
דער גלויבן אין פאָרויס זאָל גיין שטיל פאַר מיין טראָט,
און איבער מיר, דער ניגון פון געזאַנג צו גאָט;
די בענטשונג זאָל שוין נאָכגיין מיר אין מיין באַגין.

כאָטש ס׳האָט דאָס רשעות אַלץ געטייטלט, ווער איך בין,
און צוגעצוימען פון מיין ווינקל — מיר די רו;
האָט גאָט מיר ניט געלאָזט די אויגן מאַכן צו,
ניט אויסגיין אין געיעג פון ווינטן אָן אַ זין.

פאַרליר איך ניט מיין בליק אין שטורעם אויף דער ערד,
וואָס האָט שוין פון מיין פאָלק, אַ דריטל דאָ צעשטערט
און הינטער מיר, די בריקן צו מיין היים פאַרברענט.

אין פרילינג ווינקל, וואו געשטאַנען איז מיין וויג,
נאָך האָב איך ניט געוואוסט, עס וואַרט אויף מיר אַ קריג;
— געבויט האָב איך מיט ליד, די וועלט מיט מיינע הענט.

ח.

געבויט האָב איך מיט ליד, די וועלט מיט מיינע הענט
און ניט געציילט די טעג און נעכט פון שווערע מי,
וואו כ׳בין דורך זיי פאַרביי שוין פון מיין יוגנט פרי;
— פאַרבייגעגאַנגען אויף מיין וועג, אַ קייט פון ווענט.

און זעלטן ווער, עס האָט אַ בליק צו מיר געווענדט,
געהאָלפן מיר אַמאָל די שטערונגען אין פרעמד,
איך זאָל ניט בלייבן אויפן מיטן וועג פאַרשעמט,
נאָר ווערן פון דעם שונאס ווערטער ווי פאַרלענדט.

וואָס האָט דער גאַנג פון יאָרן מיר די פיין געבראַכט,
דעם חלום פון מיין דור, צו גיין מיט ליכט דורך נאַכט,
אויף וועגן פון די שיידהויפן אין וועלט אַריין?

פאַרוואָס־זשע שרייט אַ וויי פון חורבות אַלץ אַרויס,
צעטראָגט זיך ווי מיט ווינט דורך הויכן מיט גערויש;
— די נעכטנס האָבן ניט געלאָזן מיך אַליין״.

ט.

„די נעכטנס האָבן ניט געלאָזן מיך אַליין“.
— דער קלאַנג צעשטערט אין אָונט מיר מיין קאַרגער רו;
ער לאָזט ניט אין מיין דמיון כאַטש אַ חלום צו;
עס זאָל פון טיפן שווין אַרויס צו מיר אַ שיין.

די ערד, וואָס איז געווען פאַר מיר אַן גרוב, אַן שטיין,
וואו כ'האָב מיין פוס געשטעלט צו גיין צום ערשטן מאָל;
צעשניטן איז די ערד פון פייער און פון שטאָל,
ניטאָ אויף חורבות מער פון לעבן קיין געביין.

דער ווינט, וואָס לויפט פאַרביי, באַוועגט דעם וויסט אַ ווייל,
צעבייטשט פון טויט דאָס שווייגן אין זיין ווילדן אייל
און וואַרפט אויף מיילן ברוכוואַרג שרעק נאָך מער אַריין.

און הער איך איבער מיר, דאָס וואָיען פון אַ ווינט,
דערהער איך — „ברודער! וואָס געווען איז דאָ מיין זינד?“
— „איך זאָל אויף הינטערוועגנס בלייבן מיט געוויין“.

י.

„איך זאָל אויף הינטערוועגנס בלייבן מיט געוויין,
נאָך טעג וואָס האָבן מיר מיין בנין אומגעבראַכט,
איך זאָל פון שרעק און הונגער ווערן בייז באַוואַכט,
און פאַלן מיד אין מרה־שחורה נאָך אַריין.“

פון וואַנען ס'זאָל דער וויי ניט פון אַ חורבה זיין,
פון טיפע וויטן ערגעץ איבער ים און לאַנד;
דערזע איך, ווי מיין ברודער שטרעקט צו מיר זיין האַנט;
— עס שניידט מיין שוועסטערס בליק זיך אין מיין האַרץ אַריין.

אַ קינד בין איך געוועזן נאָך אין דער היים מיט זיי,
וואו ס'לעבן איז מיט פרילינג קאַרג פאַר אונדז פאַרביי,
צו זינגען מיר אַ מאָרגן־ליד מיט ליב געזאַנג;

דאָס לעבן האָט פאַרטראָגן מיך צום מאָרגן ווייט,
פאַרשלינגט ניט היינט „דער מאָרגן“ דאָס געשריי פון צייט;
— דער האַרבסט זאָל איבער מיר צעוואָרפן אונטערגאַנג.

יא.

דער האַרבסט זאָל איבער מיר צעוואָרפן אונטערגאַנג,
און רשעות זאָל צעשניידן שטיקער פון מיין דור,
וואָס האָט געחלומט צו אַ יום־טוב, יאָר נאָך יאָר; —
פון שופר־של־משיח, הערן שוין דעם קלאַנג.

דער טאָג, וואָס האָט אין פרעמד געליכטיקט דעם געדאַנק,
האָט אַלע מאָל דערהויבן פון דער טיף מיין שטאָם,
ווען ס׳האָט זיין שיף מיט אים געראַנגלט זיך אויף ים,
ווי בייצוקומען נאָר פון שטורעם, פון געפאַנג.

נאָך איידער ס׳איז אַוועק דער פרילינג פון מיין שוועל,
און קוים דערזען זיין אָפּשיין פאַלן אויף מיר העל,
האָט שוין דער ווי פון דירות אין מיר אויפגעוואַכט.

געלאָזט אין וועלט אַוועק זיך „איינער פון די דריי״,
פון פיין און אומרו ניט געווען אויף וועגן פריי;
— דאָס לעבן האָט מיך איבער ים אין וויט געבראַכט.

יב.

דאָס לעבן האָט מיך איבער ים און ווייט געבראַכט,
אַריין בין איך מיט גלויבן אין דער נייער וועלט,
וואו ס׳האָט פאַר מיינע אויגן רוישיק אויפגעהעלט;
— מיט פייערן צעפינקלט פינצטערניש פון נאַכט.

די פרעמד האָט מיר אַן אָפּשיין פון מיין היים געבראַכט,
דעם קלאַנג פון יוגנט, האָב איך אין גערויש דערהערט;
— אַ קלאַנג פון חושך טראָגט זיך נאָך פון יענער ערד;
— דער שטן האָט זיך פון זיין שפּילעריי צעלאַכט...

דאָס רשעות האָט די רו צעריסן ווילד און בייז,
דעם פרילינג פון מיין דור, באַדעקט מיט שניי און אייז,
די טירן צו דער וועלט מיט ריגלען צוגעמאַכט.

ווערט שווער דער טרויער אין געדאַנק ביי מיר פון וויי,
ווען ס׳ווערן איבער פרעמדע וועגן, וואו איך גיי,
נאָך מער פאַר מיר, די ווינקלען עלנט אויפגעמאַכט.

יג.

נאָך מער פאַר מיר, די ווינקלען עלנט אויפגעמאַכט,
וואו ס׳ווערט פון נאַכט, דער טאָג פאַרפינצטערט וויסט און קאַלט,
און דעקט מיט שרעק זיי איבער, ווי דער האַרבסט אַ וואַלד,
צו ווערן דורך מעת־לעתן פון דער נויט באַוואַכט.

צי האָט שוין גאָט געלאָזט מיין אומה, שוואַך אָן מאַכט,
די ערד זאָל ניט פון דורשט זיך שטילן מיט דעם בלוט? —
די וועלט זאָל נאָך פאַרקוקן, וואָס דער רשע טוט;
— אַ דור זאָל ווערן אין זיין אויפגיין אומגעבראַכט?

— אַ געטאָ אין מיין „היים־שטאָט״, — וואַרשע, אוי מיין היים,
געפלאַמט האָט ערגעץ טיף — אַן אויפברויז אין געהיים,
פון נאָך און נאָך פיל ווי מיין ברודער אין געפאַנג!

מיט זיי נאָך אפשר אויך מיין שוועסטער מיט אַ קינד,
מיט זיי צו מיר, די מאַנונג נאָך „פון ווײ און ווינד״;
איך זאָל פון פיין, אויף וועגן זינגען דאָס געזאַנג.

יד.

איך זאָל פון פיין, אויף וועגן זינגען דאָס געזאַנג; —
פון אומברענג אין „די געטאָס״ אויף פאַרוויסטער ערד;
פון תפילות און געבעט, וואָס גאָט האָט ניט דערהערט,
פון די קדושים — יונג און אַלט ביים אונטערגאַנג; —

די וועלט זאָל טראָגן די יתומים אין געדאַנק;
דעם אויסגעשריי פון ווי פון זקן, ווייב און קינד,
דער מאָרגן זאָל ניט זיין צום חורבן שטום און בלינד;
ניט געבן מער — „אַ מיטגעפיל״ — בלויז אַ געשאַנק.

דער חלום פון מיין פאָלק, זאָל אויפגיין אין זיין שיין,
פון ווינקלען וואו די נאַכט איז ווילד מיט גרויל אַריין,
פאַרשטעלט דעם בליק פון טאָג אויף פענצטער און אויף וואַנט.

דאָס לעבן פון מיין שטאָם דורך תקופות הינטער מיר,
צעעפנט האָבן פאַר מיין טראָט אין פרעמד אַ טיר;
איך זאָל אַצינד די מאָנונג טראָגן פון מיין בראַנד.

יח.

אין שיין פון פלאַם, וואָס ליכטיקט מיט באַגין, די וועלט,
האָט פרילינג מיך באַגלייט אַרויס אין שווערן וועג,
כאָטש הינטער מיר איז ניט די קייט פון פרעמד אַוועק,
האָט עלנט ניט מיט נאַכט מיין בליק צום ליכט פאַרשטעלט.

די זון האָט איבער מיר אין הויך מיט גאָלד געבלענדט,
דערהויבן מיין געדאַנק פון נידער אין באַגין,
דאָס לעבן זאָל מיר קייטלען מיינע טעג מיט זין;
— געבויט האָב איך מיט ליד די וועלט מיט מיינע הענט.

„די נעכטנס האָבן ניט געלאָזן מיך אַליין“, —
איך זאָל אויף הינטערוועגנס בלייבן מיט געוויין,
דער האַרבסט זאָל איבער מיר צעוואָרפן אונטערגאַנג.

דאָס לעבן האָט מיך איבער ים אין ווייט געבראַכט,
נאָך מער פאַר מיר די ווינקלען עלנט אויפגעמאַכט;
— איך זאָל פון פיין, אויף וועגן זינגען דאָס געזאַנג.

זון און רויך

לעבן

איך גיב אַמאָל אַ טראַכט
אינמיטן טאָג אינמיטן רויש פון שווערער צייט:
— ווי שטאַרק און ריזיק אין געבוי איך מוז דאָס זיין,
צו געוועלטיקן אַנטקעגן פרעמדער מאַכט,
וואו דאָס לעבן האַלט מיך פון איר יום־טוב ווייט,
און לאָזט ניט אין איר קאַראַהאָד פון שמחות מיך אריין,
מיין בליק זאָל ניט דערזען דאָס שיכרות פון דער זעט.
נאָר האַלט מיך מיט מיין אומעט זאַלבענאַנד,
אין אַ וואַלד פון רעדער איינגעשפּאַנט.
דערטרונקען אין אַ שטאָלענעם געררזיש,
פון פרי ביז שפּעט.

עס שרייט מיין בלוט פון מיר אַרויס,
וואָס ווערט פון מיר אַליין דערהערט:
— „ווער זוכט דאָס איבער וועלטן אויף דער ערד,
איינצוצאַמען מיין גבורה ביים מאַשין,
אין דעם שטאָליקן געפּאַנג.
אין די אָרעמס פון דעם שטיינערדיקן שד.
איך זאָל ניט נאָכגיין מיין געדאַנקענגאַנג,
אויפן וועג צום אויפשטייג ערגעץ־וואו אַהין?“
איך בין אַ מענטש דאָ אויף דער ערד.
עס איז פאַר מיר דאָס לעבן נאָך אַ ניט־געענדיקט שפּיל,
אין שפּאַן נאָך שפּאַן דורך נויט און גרויקייט צו מיין ציל.

מיין בנין

(סאָנעט)

גערדיש פון שטאָל, באַגלייט מיט אָוונט מיך אַהיים,
נאָך שעהן ליכט באַשטויבט מיט וואָך פון נאָך אַ טאָג,
וואו ס'האָט די וועלט, מיין כוח געוואויגן אויף אַ וואָג;
— צו ס'זאָל צו מיר די נויט זיך שאַרן נאָך געהיים.

דאָס לעבן איז צו מיר, מיט רו און פרייד נאָך קאַרג,
און האַלט מיך פרעמד אויף מיינע וועגן אין דער וועלט,
איך זאָל ניט זען אַזוי, ווי ס'ווערט מיין טראָט פאַרשטעלט,
די אויגן זאָלן ניט אין מיר צעפינקלען שטאַרק.

צעברעקלען זיך די טעג געמישט מיט קלאַנג פון שטאָל,
ווען כ'פּלאָנטער זיך אין לעבן יעדן טאָג אַריין;
ווי ס'וויל די צייט, איך זאָל אין רויש צעטומלט זיין.

וועקט אויף אַן עכאָ מיך ווי נעכטן נאָך אַמאָל;
— איך זאָל ניט שיידן זיך פון וועג, וואו כ'ווער געשטערט
און לאָזט מיין בנין ניט דערהויבן אויף דער ערד.

אַזוי בין איך...

אַזוי בין איך אין קלאַמער פון דעם שטאָל געריוש;
— אַ בוים, וואָס שטייט פון יאָרן איינגעוואָרצלט אין דער ערד,
און טראָגט נאָך ווינטער טעג דעם פרילינג פאַר דער וועלט אַרויס,
און ווערט פון פייגל־צווישטשעריי דערהערט.
— אַזוי בין איך מיט מיין געדאַנק,
וואָס רופט אַרויס פון מיר געזאַנג.
און אַז אַ האַרבסט קומט אָן, דערזע איך פאַר מיין בליק;
דאָס בילד, וואָס קומט אַנטקעגן מיר מיט ליד;
— „די ווילדקייט פון אַ ווינט,
וואָס שניידט זיך איין אין לופט און פלאָטערט בלינד;
— שטורעמט אויף אין מיטן נאַכט דעם ים
און גיט קיין רו ניט צו קיין שיף", —
ווען טעג מיט גרויע וואָלקן קומען נאָר צוריק
און צאַמען מיינע טריט.
— אַזוי ווער איך אין טעג פון יאוש און פון לייד,
אין טאָרנאַדן ווי אַ בוים אויך איינגעדרייט:
— אַזוי גייט אויף דער אויפברויז פון מיין שטאַם,
פון וואַנען ס'רייסט מיין לעבן זיך אַרויס פון טיף,
און וויל שוין זיין ווי זון אויף כמאַרעס נאָך דער נאַכט:
— איך זאָל אויף וועגן מיט פרימאָרגן ווערן אויפגעוואַכט.

אַרבעט

אַרבעט:
שומר אויף די וועגן פון מיין לעבן.
איך זע דיך שטיין פאַר מיר איעדן אינדערפרי
מיט שליסלען אין די הענט,
ביי די טירן פון דער גרויסער וועלט,
וואו ס׳פלאַטערט איבער אַלעמען פון פריי־באַגין דער בלענד,
פאַרבנדיק אין אויפגאַנג פון דער מי.
און ווי עס עפנט אויף דער טאָג די ברעמען פון דער זון אין הויך,
אונטער כמאַרעס נאָך פאַרשטעלט.
— אַזוי הייבט אָן פאַר מיר די שיין צו וועבן,
מיינע מאַרגנדיקע טעג.
גיי איך פון מיין הויז אַוועק,
מיט דער זון אויף וועגן פאַר מיין בליק,
אַליין זיך איבערגעבן אין די איינגעצאַמטע ווענט
אין טומל פון פאַבריק,
וואו ניט איינמאָל נאָגט אין מיר די בענקעניש נאָך פרייער צייט.
און אין שגעונדיקן ווירבל פון מאַשין און האַמער,
וואו עס פאַלט מיר אָפטמאָל צו די קני מיין קאָפּ,
טרייבנדיק אַוועק די שעהן פון מיין קלאַמער,
דורכגעוועבטע פון צעשוימטן רויך —
לאָזט מיין חלום פון דערהויבונג מיך ניט אָפּ.

אַרבעט:
שומר אויף די וועגן פון מיין לעבן.
אונטער דיינע פליגלען, בוי איך זיך מיין מאַרגן אויס,
ווי עס בויערט זיך דער פרילינג אונטער פעלדער שניי,
זיין אויפקום פאַר דער וועלט.

מעג נאָך אַ טאָג אַלץ ווי טאָן מיין נשמה און מיר צער נאָך געבן,
און איבער מיינע הויכן, זאָלן זיך נאָך טראָגן וואָלקנס פריי,
קייטלען נעצן עלנט פאַר מיין טאָג און נאַכט;
פאַרנעפּלען זיי ניט מיינע וויזיעס אין פאַבריק גערויש.
און אַז איך וועל ניט איינמאָל אין געבראַוז ווי אויסגעלאָכט;
ווערט פאַר מיר אין שעה פון באַנג, מיין מאָרגן אויפגעמאַכט,
איך זאָל זיך וועבן נאָר מיין חלום פון אַ שטילער פרייד,
וואָס זאָל מיט גלויבן און מיט ליבע, צעטראָגן מיינע רייד,
פון געזאַנג צום טאָג פון ליכט,
איבער לאַנד און ים,
וואָס וועט מיט פרילינג מיר באַדעקן מיין געזיכט,
און צעברעכן חושך ווי אין מזרחדיקן פלאַם.

נאָך יעדן אָנהויב

נאָך בלייב איך ווי אַ שיף דאָ פאַר אַן אייז־באַרג שטיין,
מיט שאָטנס פון הארבסטן וואָס האָבן מיך באַגלייט,
און וואַרט אַלץ ביז דער שניי זאָל פון דער זון צעגיין,
איך זאָל מיט עלנט אין פרעמדן ווערן געשייד;
— מיין אָנהויב זאָל ווי נעכטן ניט פאַרגיין אין פּיין.

נאָר ביז אַנטקעגן קומען, וועט דער טאָג מיט מאַי,
ווי מאָרגן־שיין צום באַרג וואָס שיילט אים אָפּ פון נאַכט;
אַלץ וועל איך גרייטן זיך פון נויט צו ווערן פריי,
דער וועג זאָל מער ניט פירן מיך מיט הארבסט באַוואַכט;
— מיין אָנהויב זאָל ווי נעכטן ניט פאַרגיין אין פּיין.

אין שיין פון טאָג

איך ווייס ניט, וואָס דער גורל מייַנער איז צו מיר אַזוי; —
כ'זאָל זיין אַ וועכטער איבער פרעמד פאַרמעג,
און אין געראַנגל צו אַן אָנהויב אין דעם מאָרגן־בלוי,
באַוויַיזט מיין נעכטן זיך צוריק פון וועג.

מיין נעכטן, ווי אַ שיף וואָס איז אַוועק אין מיטן ים,
אַריין אין נעפּלען אין דער וויַיטער טיף;
באַוויַיזט זיך ווידער איבער מיר מיט שיין פון מזרח־פלאַם,
וואָס קומט צוגיין מיט גלויבן מיט דער שיף.

צעזינג איך זיך צום מאָרגן־שטראַל, וואָס פאַלט אויף מיר,
פאַרגעס די שווערע טריט אויף פרעמד'ער ערד,
און פון מיין בליק וואָס לויפט אין וויַיט, צעעפנט זיך אַ טיר,
ווי ס'וואָלט שוין ערגעץ ווער מיין טראָט דערהערט.

פאַרגעס איך אויף אַ ווייל דעם טאָג, וואָס האַלט מיך אין געפאַנג,
צערוישט די שעהן מיט אַ ראָד געדריי',
וואו איבער מיר עס האַמערט נאָר דער האַרטער שטאָל געקלאַנג,
וואָס לאָזט ניט מייַנע טעג אַן אנגסט פאַרביי.

צעגייען טעג פון בויען נאָר די וועלט מיט מייַנע הענט,
וואו איך פאַרליר מעת־לעתן אין גערויש,
און כאַטש דער אויפגאַנג צו אַ נייעם לעבן אין מיר ברענט,
איז שווער אַלץ צו דערבויען מיר מיין הויז.

וויזיעס

ניט איינמאָל, האָט דאָס רוישן פון מאַשינען אויך פאַרוויגט מיין אומרו אין פאַבריק,
פאַרטראָגן די געדאַנקען מיינע אין מרחקים ערגעץ ווייט,
וואו אויפגעהויבן האָבן זיך גאַרדינען פון אַ נייער צייט,
דאָס לעבן אויסצושפּילן פאַרביק, פון אַן ערב־יום־טוב פאַר מיין בליק.

האָט ווי אַ רייפער סאָד אין מאַרגן־טוי, פאַר מיינע אויגן אויפגעטאָגט די וועלט,
אַוועקגעשטעלט מיך אויף אַ קאַרוסעל פון אויפלעב און פון פרייד,
וואָס האָט מיך ביי דער אַרבעט פון די גרויע שעהן אָפּגעשיידט,
דעם לאַנגן וועג פון עלנט, ווי מיט נעפּל־בערג פאַר מיר אַ ווייל פאַרשטעלט.

און ווי עס בלייבט אַמאָל אין פרעמד, אַ פור אין זאַמדן שטעקן אויפן מיטן וועג;
אַזוי בין איך געבליבן פון דעם אויפבליץ טראַכטן ביים מאַשין.
און כאָטש עס האָט געווירבלט, האָט די ווייט גערופן מיך אַהין,
צו לייטערן מיט אויפלעב פון געדאַנק, מיין זעל פון רויכערדיקע טעג.

און ווי עס האָבן אין פאַבריק, די וויזיעס ניט געהיילט די וואונדן אין מיין זעל,
איעדן מאָל, ווען ס'איז פאַר מיר פאַרביי אין ליכט אַ ניי־יאָר בילד;
ווערט אַלץ פון רוישן, אין מיין גרויע וואָך, מיין האַרץ ניט איינגעשטילט,
כאָטש שעהן פון מיין לעבן, שיינען אויף פאַר מיר אַמאָל אויך ביי מיין שוועל.

אין פאַבריק

.1

אַ גערויש, אין פאַבריק.
אַן אָרקעסטער פון מאַשינען —
אַרבעטער: כלי־זמרים.
מיט מידקייט אויף די פּנימער,
מיט שאָטנס נאָך פון נאַכט;
שפּילן און פאַרשפּילן זיך דעם טאָג
אויף אייזן־טרעטער אינסטרומענטן.
— מיט זיי באַנאַנד,
שפּיל איך נאָך דעם שפּיל,
פאַרשפּילנדיק מיט זיי
נאָך זונענדיקע שעהן.
און מיט מיין יעדן טראָט
אויף דעם טרעטער פון מאַשין,
רייסט ביי מיר אַרויס זיך יעדן מאָל,
פון אַן אַנדער אבר,
נאָך אַן אָפּגעהאַקטער קלאַנג
פון מיין אייגענעם באַשאַף.

אַן אָרקעסטער —
אַרבעטער; כלי־זמרים,
ווילד צעלאָזענע מאַשינען־אינסטרומענטן;
טרייבן, טרייבן דאָס גערויש.
רייסט זיך דורך די פענצטער,
אין דער גאַס אַרויס
געזאַנג,
פון נאָך ניט אויסגעלעבטע טעג;
דאָס ליד פון אַרבעט.

.2

אפשר איז דאָס גוט אַזוי פאַר מיר,
וואָס געריש פון רעדער אין פאַבריק,
צערט אַפּ די שעהן פון מיין וואָכענדיקן לעבן?
עס זאָל די הייליקייט פון גרויסן טאָג —
וואָס נענטערט זיך צו מיר — נאָך יום־טובדיקער זיין?
ווייל ווי איך גיב זיך טיילמאָל נאָך, אַט דעם געדאַנק,
פון אויפלעבונג און פרייד,
ווערט די וואָכן לאַנגוויל פון מאַשינען־זשומעריי צערונען.
און עס הענגט זיך אויס פאַר מיינע אויגן
די אילוזיע פון מיין נייעם יום־טוב־טאָג,
וואָס וועט דערהייבן מיך פון נויט.

חובות

נאָך איידער מיין געדאַנק
איז דערוואַקסן, און מיר רייף געוואָרן
אין מיין מוח,
אין דעם פרייען טאָג פון יוגנט־קלאַנג,
צו באַנעמען מיט מיין חוש די וועלט
וואָס זאָל מיר צינדן פרייד אין בליק;
האָט דאָס לעבן שוין אַפּריר
פאַרזיגלט פרי מיין גורל מיר
און מיך פאַרמשפּט מיט מיין כוח
אויף ניט־געציילטע יאָרן
צו באַוועגן רעדער אין פאַבריק.
גיי איך צום באַשאַף איעדן אינדערפרי;
אַ פאַרמשפּטער פון טאָג אוועק,
ווי אַפּצוצאָלן מיינע בעלי־בתים, —
חובות מיט מיין מי;
— שטיקער פאַרבנרייכע טעג.

אינדערפרי

יעדן אינדערפרי,
אין די מיטנוואָכעדיקע טעג,
רייסט דער קלאַנג פון זייגער מיך פון חלום אָפּ,
וואָס פירט ביינאַכט מיך פאַר אַ בלענדעניש פון טעג פאַרביי.
גיי איך מיטן שלאָף נאָך אויף מיין פּנים פון מיין הויז אַוועק:
די שעהן פון מיין טאָג פאַר ברויט צו געבן.

ניט דער איינציקער,
בין איך אויפן וועג מיט דעם געאייל צו מיין באַשאַף:
מחנות אין פאַראויס פאַר מיר,
און הינטער מיר אויך טויזנטער צום איינגעשפּאַן פון טאָג,
מאַרשירן ווי אַרמייען אויפן טראָטואַר אין גאַס,
מיט דעם עול פון לעבן.

אין דער הויך
איבער טורעמס, איבער הייזער,
קייטלען אויס זיך פון די קוימענס, גראָבע קייטן רויך,
ווי זיי וואָלטן נאָר געוואָלט פאַר מיר פאַרטרייבן אין די ווייטן,
דאָס צעשיינען זיך פון נייעם טאָג:
מיין בליק זאָל ניט דערזען די זון אין פלאַם.

איבער מיר
און איבער אַלעמען אין שטאָט,
צעפּייפּט זיך יעדער וויל אַן אַנדערע פאַבריק, —
סיגנאַלן אין דער לופט:
מיר זאָלן אין דעם דרויסן, איילן גיך און גיכער:
שטעלן אין די גאַסן, פעסטע, גרויסע טריט:
— מאַשינען צו באַלעבן צום באַשאַף.

אונטער מיינע פיס,
אַ פלאָנטער פון געלויף פון שאָטנס,
ווי זיי וואָלטן פון געריש געוועזן צעשראָקן אויף דער ערד.
פאַר מיין טראָט און פאַר מיין בליק;
איילט דער אומרו נאָך געלויף פון אויטאָס מיט געשריי,
וואו עס רופט פון לוין, דאָס לשון — „ניט פאַרשפּעטיקט צייט;
— געבוירן ווערט דער טאָג, צו בויען דאָ די וועלט.“

יעדן אינדערפרי,
לאָז איך איבער צו דער נאַכט, די רו,
און גיב זיך איבער אויך ווי יעדער דאָ אַליין —
צו דער רויער אַרבעט אין וואַרשטאַט,
ווי איך וואָלט אויפסניי מיט איר,
געשלאָסן שלום.

נ. י. 1924

ג ע ל ו י ף

נאָך ווערן טעג פון מיר, צערוישט אין גיין צום אָוונט אָפּ,
צעפּיצלט אין אַ שאָטן — פלאָנטער, פון געלויף, —
נאָך זיי אויף וועגן איילן נאָך געדאַנקען פון מיין קאָפּ,
נאָך גיכער ווי זיי בליצן גלויביק אין מיר אויף.

און ווי מיט הענט, פאַרמעק איך פון מיין בליק — פון־בייז די שרעק,
וואָס לאָזט אין האַרץ ניט צו קיין רו מיר אין געריש, —
און מיט געאייל טרייב איך מיין לעבן אַלץ פון מיר אַוועק
און שעפּ פון עול אַזוי די כוחות מיינע אויס.

מיין פאַרמעג

אויב איך וויל, בין איך רייך.
צוויי היימען האָב איך אין די וואָכן־טעג —
אין מיין פאַרמעג.
מיין בייטאָג־הויז
שטייט איינגענאָגלט אין דער ערד,
אויף די גאַס, וואָס מעסט די לענג אויס, פון ניו־יאָרק —
אויף בראָדוויי.
מיטן אויפגאַנג פון דעם נייעם טאָג,
— פון באַגין באַהעלט,
גייט מיר נאָך אין וועג, פון גרויער וואָך דער רויש,
צו דער צווייטער היים אַרויף,
אויף דעם הויכן שטאָק.
נאָך איידער ס׳שיילט די זון אַראָפּ פון מיין געזיכט —
דעם שלאָף,
ווי דעם טוי פון באַרג;
— פאַרגייט אַ חלום נאָך אַ חלום מיר פון נאַכט,
וואָס האָבן מיך אַריינגעפירט אין וועלטן וואו,
אַז עס האָט זיך מיר געדאַכט,
ווי איך האָב זיי ערגעץ שוין אַמאָל געזען אין ליכט,
נאָך צוריק מיט יאָרן לאַנג.

ווי מיט שרייעדיק געזאַנג,
וואָס טרייבט פון מיר אָוועק די רו;
ווער איך אויפגענומען פון דעם רעדערדיק גערויש.
הייב איך אָן ווי נעכטן פון דאָס ניי,
צו צעטרעטן מיט די פיס אין דעם געאייל;
— שעהן פון מיין לעבן, ביי דער שטאָל־מאַשין,
וואָס האָט קיין צייט ניט פון באַשאַף צו בלייבן שטיל אַ וויילע.

פאַרדווישט פון דעם געקלאַנג,
גייען טראַכטונגען פאַרביי מיר אין געדאַנק:
— צי וועט צו מיר אין הויז,
די נויט ניט קומען מער צוריק?

איך שאַף, און סיפּאַלט אַמאָל מיין בליק
צו אַ פענצטער צו,
וואָס וואַרפט אַרויס געטומל אויף דער שטאָט;
— ווירבלדיקער ווערן זאָל ניו־יאָרק.
איך טרייב די רעדער פון מאַשין און קוק זיך איין:
— עס רויכערן די קוימענס פון פאַבריקן הויך, אָן רו,
און פאַרדעקן יעדער ווייל די שיין,
ווי זיי וואָלטן נאָר געוואָלט דעם טאָג פאַרטרייבן.
— עס שלענגלען זיך די רויכן,
און פאַרגייען איבער דעכער און קופּאָלן אין די הויכן,
ווי געטריבן פון אַ ווינט דורך פלאַמען זון פאַרביי,
עס זאָל פון זיי קיין פלעק ניט בלייבן.
עס דאַכט זיך, ווי דער שטיין־געפלעכט אין שטאָט,
פון מויערן ווי פעלזן־ווענט,
וואָלט אין ווייט געשרפעט זיך אין צונגען פון אַ פייער,
— וואו די שעהן מיינע, ווערן אויך ווי אויסגעברענט,
— טאָג נאָך טאָג.
און פונקט ווי נעכטן און ווי יענע וואָך,
זיץ איך אויף דער שטול און טרייב מיין ראָד, —
נאָך און נאָך,
און אָטעם איין דעם רויך פון מיינע טעג,
וואָס קרייזלען זיך אין הויך אַוועק,
איבער הויכן פון ניו־יאָרק.

נ. י. 1925

פ ר י י

פון דאָס ניי —
קלינגט דער זייגער אויף דער וואַנט,
— קלאַנג נאָך קלאַנג:
— „פריי דער וועג אַהיים צוריק
פון וואַרשטאַט און פון פאַבריק.“

קלאַנג פון ערב־אָוונט־שעה, באַגלייט
אַצינד דעם טאָג ווי מיט געזאַנג:
— באַפעלט צו ווערן פון באַשאַף צעשפאַנט. —
פון געדריי פון ראָד, וואָס לאָזט די רו,
ביז זון־פאַרגאַנג — ניט צו.

עס זאָגט דער זייגער אָן מיט פרייד,
— יונג און אַלט — צו ווערן פריי
און אויפגעוואַכט,
מיט שיין וואָס טאָגט נאָך אין פאַרנאַכט:
— דאָס לעבן גייט!
שפּאַנט מיט קלאַנגען פרייד באַדעקט
און וועקט
פון נידער ביז אין הויך —
אַרויס פון שטויב און רויך.
און ווי נעכטן פאַר דעם טאָג־פאַרגאַנג,
איז פון אויפלעבונג די שעה,
אויך פאַר מיר שוין ווידער דאָ.

טיק נאָך טיק,
נאָך דעם זייגערס קלאַנגען אויף דער וואַנט,
פייפט אין הויכן אויס מיט שנירן רויך,
דער קוימען פון פאַבריק.
— דאָס לעבן נעמט אוועק די האַנט,
פון ראָד, פון האַמער, פון מאַשין,
און זינגט מיט מיר פון — פריי, דאָס ליד,
מיט אויפטאָג און מיט זין,
וואָס טליעט שטיל אין האַרץ און גליט.

דער לעצטער אָטעם פון אַ ראָד
אין פאַבריק אין שטאָט,
וואָס האָט דורך שעהן טאָג געטריבן ווילד,
מאַשינען מיט דעם וואַלץ פון שטאָל,
בלייבט אין שווייגן נאָכאַמאָל,
מיט שאָטנס איבער נאַכט
אַן מיר פאַרמאַכט
און איינגעשטילט.

קלאַנג נאָך קלאַנג,
ווי אַ בליץ פון איין געדאַנק,
ווערט מיטאַמאָל
פון האַמער־קלאַפּ — פון ראָד —
דערוואַכט דאָס לעבן אין דער שטאָט,
וואָס לאָזט דורך טירן זיך אַרויס
מיט קלאַנג און טריט פון פרייד־געזויש,
צו כאַפּן נאָך פאַר זיך אין גאַס,
מיט מיר צוזאַמען, ווי פאַר שפּאַס,
אַ שטיקל זון נאָך ערגעץ אין דער הויך
צווישן אויסגעברענטע שעהן רויך...

נויט

נויט.
האַרבסט פון דער וועלט.
מיט דעם אויפגיין פון טאָג,
קריכסטו נאָך דעם מאָרגן אויף דער ערד
ווי אַ שאָטן אין וועג,
און האַלסט פון דער שיין פאַרשטעלט,
דעם גורל פון לעבן אין דיין האַנט.
ווי אויף אַ וואָג:
— וועגסטו אומגעשטערט,
דיין אויפטאָן נאָכאַנאַנד,
און טיילסט אין דער וועלט דיין פאַרמעג,
צעטיילסט אין חלקים די נויט:
— שרעק,
פאַר דעם מאָרגן, פאַר ברויט.

כאָטש דו ביסט אַלט ווי דער ווינט אין פעלד;
אומבאַזיגט נאָך ווי דער ים.
ביסטו נאָך אין דיין באַוועג אַלץ יונג און פריי!
איבער וועגן אָן אַ צאַם,
דורך יאָרן, וואָס דו גייסט פאַרביי,
מיט פראָסט אין אָטעם,
מיט טריט אָן שטורעם,
מיט גרויל אין דיין קלאַנג,
און מיט סוד אין געדאַנק.

נויט.
פרעגט זיך אַ שטים נאָך אַ שטים אַלץ ביי דיר:
— „וואָס קריכסטו און שאַרסט זיך צו מיר?“
— „ווען עקט זיך פון גיין שוין דיין טראָט,
און צום לעבן — דיין שפּאָט?“
— פון קאַרג אין דיין וואָרט,
ברויזט אַזוי דאָס לעבן
און הויבט זיך פון אָרט;
פון ווינקלען פון ענגע געוועבן.
ניט רוען מיט שווייגן פאַרבאָרגן,
אין אויפגיין פון ליכטיקן מאָרגן.
מיט טעג זיך פאַרמעסטן!
צעשטערן, אין נידער, די נעסטן
פון פּיין,
און געוויין,
מיט וועלק זיי פאַרלייגן,
און איבער זיי שטייגן.

נויט.
האָרבסט פון דער וועלט.
דו שאַרסט זיך און צייִלסט ניט די טריט,
און ווערסט פון שליחות ניט מיד,
מיט אומרו צו באַדעקן ווייט די ערד,
וואו אויפטאָג, ווערט מיט וואָלקנס ווי פאַרשטעלט;
— און אונטער דעכער, קאַרגע פרייד צעשטערט.
און ווי עס רוט דער ים ניט איין,
און שלינגט די אייביקייט אַריין,
פאַרצערסטו פריי: —
אַ טרוים נאָך אַ טרוים,
און לאָזט איבער פון זיי,
פון לעבן אַ שוים...

אין שעה פון באַנג

(אסתר מלכה)

(סאָנעט)

דו ביסט דאָס ליד, וואָס גיט מיר דאָ אין לעבן פרייד,
באַלעבסט מיין וועלט מיט גלויבן אין מיין שעה פון באַנג;
נאָך טעג, ווען כ׳האָב פאַר זיך געזונגען מיין געזאַנג
און ניט געוואָלט האָט עלנט זיין מיט מיר געשיידט.

דו גייסט מיין וועג מיט מיר דורך נויט, אָן רו באַגלייט
און צינדסט אין מיין נשמה אָן פון גייסט דאָס ליכט.
ניט איינמאָל איז אַ האַרבסט אַראָפּ פון דיין געזיכט
און ביסט געוואָרן פון מיין פערז מיט מאַי באַקליידט.

און ווי עס האָט אין וויַיט געפונען דיך מיין בליק,
און אָנגערירט די טיר צום אויפגאַנג מיט מיין האַנט;
— אַזוי אויך גייסטו אין מיין וועלט מיט מיר באַנאַנד.

איז גוט צו הערן פון דיין האַרץ די רייד פון גליק,
וואָס הייבן אויף מיך אין דער שעה פון צער און פיין;
— איך זאָל אין דיינע אויגן שפּיגלען זיך אין שיין.

טײלמאַל

טײלמאַל,
אין אַ שעה מיט זיך אַלײן,
װער איך פון געררויש אין גרויען טאָג,
אין הויכע װײטן ערגעץ אױפגעהויבן.
די געדאַנקען מײנע, װערן אַדלערס;
און איך אַלײן, דער אַדלער־פעלז.

שטײ איך אױף דעם באַרג,
מיט מײן קאָפּ געהויבן אין דער הויך,
איבער אַלע שרעקן אױף דער ערד,
װאָס לויערן אַרום נאָך איבער מיר.

טראָגן מיר געדאַנקען אָן פון װײט,
גרוסן פון די טיף־צעבלויטע הויכן,
איבער גאָלד־באַזונטע װעלטן אין דעם רוים,
װאָס מאַכן יונג און דרײסט מײן טראָט.
און װי די פרײד פון ערב פרילינג,
באַרשט איך אָפּ פון זיך דעם שטויב פון זאָרג;
קוק אַװעק פון קאַלטן גרויען טאָג,
װאָס זוכט צעפּיצלען מיר מײן װעלט.

און אין עקסטאַז דאָרט פון מײן זעאונג,
שטײג איך אין דער הויך נאָך העכער;
װער די הויכקײט מיט דעם באַרג צוגליך.
און װי אין שפּיגל אין דעם בלוי;
דערזע איך זיך מיט גלויבן אין די אויגן,
הויבן זיך אין הויכע װײטן,
אונטער רעגנבויגן הימלען.
און מיט זון אַנטקעגן מיר;
פלאַכן אױס זיך אַלע װיסטע װעגן,
אױף די װײטע האָריזאָנטן.
פאַר מײן פרילינג פון דאָס נײ.

פון פרי ביז אָוונט

פון פרי ביז אָוונט,
זיינען פאַרנומען מיינע הענט מיט דעם גליק
פון מיין בעל־הבית
וואָס וואַכט איבער מיר.
פאַרע איך אַרום זיך נאָר אין זיינע אוצרות,
צו דערגאַנצן מער נאָך זיין פאַרמעג,
מיט שעהן פון מיין לעבן.
און מיט מיין באַשאַף,
צאָל איך אַלץ נאָך ווי אַ חוב אים אָפּ,
מיט מיינע רייכסטע טעג,
וואָס זיינען מיר פאַרבליבן פון מיין יוגנט —
פאַר דעם לוין פון ברויט:
— צו גיין פון טאָג נאָך טאָג ווי אין געשפּאַן.
כאָטש זיין נאָמען איז פאַר מיר בלויז — בעל־הבית,
און איך חשבון זיין עשירות ;
בין איך אַלץ ביי אים דאָ אין זיין קרייז;
אַ פרעמדער פאַר זיין בליק,
ווי ער וואָלט מיך קיינמאָל ניט געזען,
געוועלטיקן מיט זיין פאַרמעג,
אין די שעהן פון מיין לעבן.

זונטאָג

זונטאָג, ווערט די וועלט פאַר מיר געבוירן ניי,
— זונטאָג בין איך פון דער אַרבעט פריי;
אויסגעטאָן פון וואָך,
ניט באַשווערט פון יאָך.
עס איז מיין ווילן און געדאַנק,
ניט געצאַמט צווישן ווענט.
— פריי בין איך מיט מיינע הענט!
דאָס מייניקע אַרומצונעמען מיט געזאַנג.
דער טאָג גייט אויף צעפינקלט פון דער זון אין הויך,
ניט באַפלעקט מיט וואָלקנס רויך.
ווערן שעהן אַזוי ליב און אייגן מיר,
דאָס לעבן ניט פאַרשלאָסן הינטער טיר.
טראָגט פאַרביי זיך אין מיין רו אויך אַ געדאַנק,
— עס איז דאָס לעבן היינט פאַר מיר אַ ליב געשאַנק,
כאָטש עס שלעפּט דער טאָג אין מיטן וואָך די צייט,
און בינדט מיך מיט מיין אומעט זייט ביי זייט.
— לאַכט דאָס לעבן אין די זונטאָגן צו מיר,
און צעפּראַלט צו פרייהייט — טיר נאָך טיר.
שטיי איך ביי מיין שוועל פון הויז,
קוק מיט יום־טוב אין דער גאַס אַרויס,
און מיין פּנים פון דער זון באַהעלט,
שיינט זונטאָג צו דער וועלט.

1931 .נ. י

מ אַ י

— אַ טאָג
ווי אַלע טעג,
דאָך איז דער הימל היינט אַן אַנדערער פאַר מיר.
פלאַמען פון אַ ראָד,
וואָס האָבן אָפּגעריסן שטיקער פון דער נאַכט
און זיי פאַרברענט אין רוים,
צעליכטיקן מיט זון דעם הויך;
ווערט טיר און פענצטער אויפגעמאַכט,
פאַר דער שיין, וואָס גרייכט אויף יעדן וועג,
איבער צאַם און צוים,
פאַר יעדער טיר.
— די שטאָט,
ניט צוגעדעקט מיט כמאַרעס רויך,
שפּיצט באַזונט אַרויף זיך מיט קופּאָלן אין דער הויך,
ווי עס וואָלט איעדער הויז,
געוואָלט זיך ווייזן שטאָלצער אין דער ערשטער ריי אַרויס:
— עס זאָל „דער טאָג פון ליכט“ דערזען,
ווי ריזיק שיין,
עס האָבן „הענט“ דאָס אויפגעשטעלט,
אויפגעבויט אַ וועלט!

קוקט מיט אויפבליאונג אַריין דער מאַי,
אין פענצטער דורך איעדער שויב,
און שאַרט זיך דורך וואַרשטאַטן מיט געזאַנג פאַרביי:
עס שווייגן רעדער אין פאַבריק,
ניטאָ די האַנט, וואָס זאָל באַלעבן די מאַשינען מיט גערויש.
עס דרייען זיך ניט רעדער אין פאַבריק
און וויען שווייגעניש אין גאַס אַרויס.

ניטאָ, ווער ס'זאָל דעם האַמער טאָן אַ הויב
פונקען זאָלן זיך צעשפּריצן און פאַרגיין...
איינגעהאַלטן אויף אַ ווייל
איז דער שפּרייז נאָך גליק,
וואָס טרייבט דאָס לעבן אין צערוישטן אייל.
קיינער איז ניט היינט געקומען רעדערן זיין טאָג צוריק,
צערעדערן פון לעבן נאָך אַ טאָג,
צו שטעלן זיך ווי אויף אַ וואָג
און בלייבן הינטערשטעליג שטיין...

עס האָט אַ האַנט
אויפגעעפנט אין דער וועלט — פון צאַם די וואַנט,
געהויבן צו דעם הויך מיט ליד אַ פאָן,
וואָס פלאַקערט ווי די זון וואָס גייט באַגינען אויף.
דאָס לעבן האָט ניט מיט דעם שלאָף אין בליק, און מיד
פון נעכטן צום באַשאַף זיך היינט צוריקגעקערט,
צו אַקערן די ערד,
ווערן זאָל פאַרמעג געשמידט.
דאָס לעבן פון דער הינטער־גאַס,
וואָס צינדט דאָס פייער מיט גבורה אָן,
אין אייזן און אין שטאָל,
און חזרט יעדן טאָג דאָס איבער נאָך אַמאָל,
געהאַרכזאַם, ווי מיט האַס; —
איז היינט פריי,
צו דערקוויקן זיך מיט מאַי.
שווייגן אומעטום,
ווי דער פראָסט אויף טייכן, די מאַשינען שטום:
— שטייט ניט קיינעמס לעבן היינט, צווישן רעדער אין אַ קאַן.
אויסגעלאָשן זיינען לאָמפּן ביי מאַשינען נאָך פון נעכטן אָן:
— שאָטנס קריכן בלויז אַרום אויף זיי
אין ערשטן טאָג פון מאַי.

מיט בטחון

אַ גאַסט,
צו דער שמחה פון מיין יום־טובדיק געזאַנג:
— גיי איך היינט אַרויס פון נויט ניט מער דורך הינטערוועג,
און גיי מיט ליד צום אויפגעטאָגטן ברעג.
אַן אָפּגעשטויבטער פון דער גרויער וואָך,
אָפּגעטיילט פון מי און לאַסט,
און אויסגעטאָן אַ ווייל פון יאָך:
— קום איך פון די לאַנגע נאַכט, פון שווערן טאָג
וואָס האָט געקלאַמערט מיך מיט אומרו אין דער וועלט:
ווערן זאָל איך ווי דער האַרבסט אין אַ געפּעכט מיט ווינט:
עס זאָל אַ בליק בלויז — פון דער וועלט,
ווענן מיר מיין אויפטאָן אויף אַ וואָג,
איך זאָל ווי פאַר אַ גרייז, צו פאַר אַ זיגל,
אין גיין צום איבערבוי, ניט ווערן אָפּגעשטעלט.

אָבער אין עקסטאַז פון מיין געדאַנק,
שטייג איך ווי אויף טרעפּ צום הויך,
ווי אַ באַרג אין ערב־פרי נאָך נאַכט־פאַרגאַנג,
און פאַר דעם שפּיגל אין דעם רוים;
מיט פרילינג אין מיין בליק,
דערזע איך זיך אין שיין געלייטערט, פריי פון רויך,
גיין פון טאָל אויף באַרג אַרויף אָן צוים,
נאָך מיין געדאַנקענגאַנג,
ווי אין אַ חלום צו דערזען דעם שפּור פון גליק.
און מיט מיין גלויבן פריי פון נייעם קלאַנג,
וואָס רייסט מיט בליץ מיין בליק אַוועק אין אייל,
דורך פרעמד אין ווייטן צו מיין ציל:
— פלאַכן אויס זיך פרייע וועגן, מייל נאָך מייל,

איבער פעלדער צוגעדעקט מיט האַרבסטן — פּיל,
און װערן שױן באַדעקט מיט טױ פון אינדערפרי;
— אין אַ פרײַ באַגינען גלי.
גײ איך נאָך דעם עכאָ פון דעם מאָרגנקלאַנג,
געפירט איצט פון בטחון און מײַן מי;
— װי אַ טראַקטאָר איבער װיסטן פלאַך,
באַגלײט מיט שבחים און געזאַנג,
נאָך מײַן טראָט אין גײן אויף נײַעם שליאַך.

אין אונדזער צײַט

מיר זײַנען שאָטנס אונטער שװערע װעגענער,
װאָס פאָרן איבער אונדז פאַרבײַ,
מיט די רעדער פון דעם פרעמדן לעבן,
װאָס דער גורל האָט אונדז דאָ געגעבן:
— און בלײַבן אומבאַשעדיקט־פרײַ,
צו גײן אַנטקעגן אין דער װײַט,
— די שװערע צײַט.

מיר האָבן דאָך די װעלט, פאַר איצט און שפּעטער,
צעבליצט מיט אונדזערס אַ געדאַנק,
איבער סטעפּ און אַלע װיסטע טראַקטן,
װאו מיר קומען, בױער נאָך אַנטראַקטן,
מיט נײַעם כּוח, נײַעם קלאַנג —
צום נײַעם אויפבוי, נאָענט — װײַט,
— אין אונדזער צײַט.

דאָס נצחון ליד

ניט אַלע מאָל
דערפֿיל איך זיך פֿון טאָג, פֿאַרשטויסן אין פֿאַבריק:
פֿאַרלוירן אין געטומל אָן אַ ליכטיקן געדאַנק,
אין די אָרעמס פֿון דעם שטיינערדיק געפֿאַנג
מיט יאוש אין מיין בליק.
ניט אַלע מאָל,
דערהער איך ווי אין אויסגעשריי פֿון שטאָל,
— אָן עקשנותדיק באַפֿעל, מיט קריצעניש פֿון ציין:
— איך זאָל נאָר איבערחזרן מיט יעדן אבר פֿון מיין גוף,
דאָס טרייבן מיט מאַשין — די צייט.
איך זאָל פֿון דאַגען פֿון באַשאַף, אין חלומדיקן ווייט,
מיט מיין פֿאַרמעג פֿון כוחות ניט אַוועקגיין
אויף דעם יוגנט־וועג צוריק,
נאָכן יובלדיקן רוף.
— נאָר אין הכנעהדיקן שווייגן אין געקלאַנג פֿון אויפֿברויז:
מקריב זיין די טעג צום אויפֿבוי פֿון דער וועלט,
און אַזוי אַליין זיך מיט גערויש פֿאַרטויבן,
ניט צו הערן דורכן טאָג דעם רוף פֿון מיין געדאַנק:
— „ניט זיי פֿון ליכט געשיידט, מיט ווענט אַרום פֿאַרשטעלט.
— דיין גיין זאָל זיין מיט פֿרילינג גלייך
מיט פֿרייד פֿון זון־מחשבות רייך,
דערהויבן,
פֿון גערויש״.

ניט אַלע מאָל,
ווערן טויערן געעפנט אין גערויש פון צייט.
און שיקן פון פאַרטאָגן, שטיקער זון צו מיר אַרויס,
צו דערלייזן מיך אַ ווייל פון שטיין און שטאָל,
וואָס וואַכן הינטער מיר פון נאָענט און פון ווייט,
און ליכטיקן געדאַנקען אין דערהויבונג אויס,
און צעטראָגט זיי פון פאַבריק אַוועק
ערגעץ צו אַן אויפגאַנג אויף אַ נייעם וועג.
ניט אַלע מאָל,
לאָזט די גרדי פון וואָך, איך זאָל מיין טרוים זיך וועבן
און דערהויבן זיך פון נידער אין מיין לעבן,
זינגען זאָל פון מיין נשמה דאָס נצחון־ליד,
און מיר באַהעפטן מיט בטחון מיין געמיט
אין געשריי פון שטאָל.

און מעגן הינטער דיר

און מעגן הינטער דיר,
און פאַר דיין שטאָלצן קאָפּ
געקרוינט פון זיך אַליין,
שלייכן שאָטנס אַלץ פון דיינע זיגער,
פון דיין קרייז;
— ווועסטו דאָך אַמאָל אין העלן טאָג
פאַר אויפגעפרייטע אויגן,
אויף דיין וועג;
ווערן פון קאַפּריז נאָך רום,
פאַרפלאָנטערט אין אַ נעץ נאָך פון דיין מאַכט,
און פון די מעשים דיינע צו דערגרייכן הויך
מיט אָנגעבלאָזנקייט און גאווה, —
וועסטו ווי דער פראָסט פון באַרג אין מאַי,
— נידערן צום אונטערגאַנג.

ווינטן

ווינטן שניידן וועגן — ווייט און פריי,
טראָגן אום דעם אומרו פון דער וועלט.
ווינטן פלאַטערן, אַרויף, אַראָפּ,
איבער מדבר, וואַלד און פעלד,
איבער טאָלן, בערג און שניי,
איבער אַלע ימען פון דער וועלט.

— וואָס־זשע זיינען ווינטן אויפגעבראַכט,
וואו זיי יאָגן אָן נאָר פון דער הויך,
דורך אַ שעה פון טאָג, אַמאָל ביינאַכט,
הויבן אויף פון ערד אַ שטויב ווי רויך;
— רייסן שטיקער לופט מיט שווייגן אָפּ,
טראָגן דורך די הויכן אין גערויש,
אַזאַ אויסברוך איבער ערד פאַרביי?

אויסצואוואָרצלען שטאַמען פון דער ערד.
פון די טיפן רייסן פוילעניש אַרויס,
און דאָס לאָזן הינטער זיך צעשטערט.

וואו? — צו וועמען פליגלען ווינטן ווילד,
וועמען טראָגן זיי דעם אונטערגאַנג,
צו פאַרטראָגן ערגעץ אין געפאַנג,
מיט געוואַי ווי הינט צעבילט?

ווינטן שניידן וועגן — הויך און טיף,
טראָגן אומרו פון דער וועלט;
רייסן פון די הויכן שטיקער רו,
אומעט, ניט דערלאָזן זיין פאַרמאַכט,
נאָרען זיך אין ווינקלען ערגעץ־וואו;
אונטער הימלען פריי און אויפגעהעלט;

— נאָר ווי איבער ימען — שיף נאָך שיף,
רייסן זיך מיט לעבן אין געלויף,
און ניט לאָזן זיין אין גליווער — טעג, —
עלנט, מער מיט טיף פון נאַכט פאַרשטעלט,
וואַרפן אויף דעם האַרבסט געברויז אַרויף,
ווערן זאָל דער יועלק אויף שטיין און ערד,
פון געלויף פון ווינטן אָפּגעקערט;

— און ווי שטיקער נאַכט פון פלאַמען־גלי,
לאָזן פאַר דעם מאָרגן פריי דעם וועג;
— רייפע וואָרצלען זאָלן ניי אין בלי,
אויפגיין פון די טיפן פאַר דער וועלט.

פ ר י מ אָ ר ג ן

מיט די אויפגעמאַכטע פענצטער פון מיין הויז,
צעעפנען זיך די אויגן מיינע אויף דער וועלט.
דער באַגין פון מזרח אויפגעהעלט,
רופט מיך פון דאָס ניי פון שלאָף אין גאַס אַרויס;
גיי איך נאָכאַמאָל מיט גלויבן איבער וועגן,
די שעהן פון מיין טאָג אַנטקעגן.

און ווי נעכטן, לאָז איך צייכנס פון די טריט.
וואָס האָבן שוין געמאָסטן מיילן צער פון פיין,
אין געראַנגל מיט דער נויט ביים שיין,
וואו דאָס לעבן שפּילט מיט מיר זיך אונערמיד;
האַלט מיך אין געשפּאַן צום אויפבוי פון די וועלטן;
— מיט מיר אין לעבן צו געוועלטן.

עלנט

1.

נאָך האַלט מיך אין דחקות די וועלט
אין ווינקלען אָן רו אויף דער ערד:
פון יום־טוב מיין זעל קאַרג באַהעלט,
די רייד פון מיין האַרץ ניט דערהערט.

כיגיי אום פרעמד באַמערקט פון אַ בליק,
באַשווערט נאָר מיט לאַסט פון מיין טאָג,
וואָס וועגט מיר נאָך זונען־פאַרגאַנג,
פון מי מיין באַשאַף אויף אַ וואָג: —

צי האָט שוין פון וואַרטן און וואַרטן דאָ לאַנג,
געשלאָגן פאַר מיר שוין די שעה פון מיין גליק?
איך זאָל דאָ פון רשעות שוין ווערן אויך פריי,
און גיין, ניט פאַרשעמט מער, מיין טאָג נאָר פאַרביי.

2.

— נאָך האַלט מיך אין דחקות די וועלט,
וואָס קומט אין יעדן אינדערפרי צו מיר נאָך אָן,
און שאַרט זיך ווי אַ שטן פאַר מיין טראָט פאַרשטעלט,
און הערט, מיט שרעק פאַר נויט, ניט אויף מיר ווייצו טאָן,
אין שעהן צו מיין מי, ביז אָוונט צו מיין היים.

און ווי עס רוט מיין בליק ניט איין אין גאַנג
אין נאָכגיין מיט אַ גלויבן מיין געדאַנק:
— די וועלט זאָל מיך דערהויבן פון דער טיף,
ווי זון אויף ים, אַ מאַסט־בוים פון אַ שיף,
— וועקט בטחון מיר מיין האַרץ נאָך ווי געהיים:
— „בלייב ניט אויפן מיטן שליאַך מיט טרויער שטיין,
ביז נאַכט וועט איבער דיר פאַרגיין.“

אַ טאָג

טיילמאָל,
טרעפט זיך אויך ביי מיר אַ טאָג,
עס שפּיגלט אָפּ זיך העל אין מיינע אויגן
אין קרישטאָלנדיקן ליכט —
די וועלט.
וויברירט מיט טאָגיקייט אין זעל ביי מיר,
— די געגאַרטע פרייד
און צולעבט דאָס בלוט
אין מיינע אָדערן־געפלעכט אין גוף,
אַז איך הייב אָן פילן אין די טריט,
ווי עס שלאָגט די שעה
— פון ערב־שמחה ביי מיין שוועל.
און אין דערהויבונג פון געדאַנקענגאַנג,
פאַרבט דער גלאַנץ פון מזרח,
מיינע זעאונגען פון וויטן אויס
מיטן קומען פון דער זון,
אין נייעם אינדערפרי,
און לאָזט מיך מער געצאַמט ניט זיין
אין ווינקלענדיקן עלנט, מיד
איי וואָכנדיקער רו...

איך האָב געוואָרט און וואַרט

איך האָב געזוכט אין פרעמד דערלייכטונג פאַר מיין בליק;
געקוקט מיט בענקען איבעראַל.
געראַנגלט זיך, צום נעכטן, ניט צו גיין צוריק,
געקוויקט זיך בלויז. מיט יעדן שטראַל.

געבויט מיין וועלט נאָך יעדן אָפּגענאַרטן טאָג,
געשפּאַנט דורך אומוועג ניט מיט בייז,
און ניט געוואויגן מיינע לאַסטן אויף אַ וואָג,
ווי ס׳וועגט די טעג אין שטיל אַ גרייז.

איך האָב געטוליעט זיך מיט קאַרגע רעשטלעך פרייד,
פון בליצונגען געשטראַלט צו מיר,
כאָטש זעלטן האָט דאָס לעבן מיך מיט רו באַגלייט,
און ניט געעפנט פריי אַ טיר.

און ווי עס גייט די וואָך אַנטקעגן יום־טוב־טעג,
באַפרייען זיך פון שטויב און רויך:
— אַזוי בין איך אַן רו געגאַנגען אויף מיין וועג,
מיין קאָפּ צום ליכט געהויבן הויך.

געבליבן בין איך ווי אַ שיף געפּענט אין ים,
וואָס וואַרט פון שטורעם ווערן פריי:
געבליבן בין איך מיט געראַנגל ווי מיין שטאַם,
און וואַרט אויף מאָרגן פון דאָס ניי.

ווען פֿרילינג קומט



װען פרילינג קומט

(סאָנעט)

די טירן צו די מאָרגנס װערן אױפגעמאַכט.
איך זאָל דורך זײ אַדורכגײן יעדן אינדערפרי,
דאָס לעבן איבערנעמען פון דאָס נײ מיט מי,
צו װערן אין דער װעלט מיט מײן באַשאַף דערװאַכט.

און װאָס דער נעכטן האָט פאַר מיר שױן ניט געבראַכט,
מיט לידער פון פרימאָרגן, פאַרבן פון זײן שײן;
— דערװאָרט איך נאָך אַמאָל, *מיט* אַנגסט שױן מער ניט זײן,
ניט גײן אָן ציל אַלײן נאָך שאָטנס פון דער נאַכט.

נאָך יעדן קלאַנג פון אױפברױז, נאָר געצילט צו מיר,
פאַרבלײב איך ניט אין נידער װי מײן דור פון פריי׳ר;
— דער עלנט זאָל מיד האַלטן אַלץ װי אין געפאַנג.

פון װינקלען פלאָנטער איך זיך צו דער פרײ אַרױס,
מיט ליד און מי צום איבערבױ דאָ פון מײן הױז,
און איבער מיר צעהענגען — יום־טוב פון געזאַנג.

אין טעג פון אויפבלי אונטער זון

אין טעג פון אויפבלי אונטער זון,
צעזינגט אין מיין האַרץ זיך נאָך מער: —
געזאַנג פון באַגער
צו זיין ניט פון קיינעמס באַפעל מער געצאַמט:
— כ׳זאָל מעסטן די פרעמד מיט מיין טראָט
און קומען צום ציל אַלץ פאַרזאַמט.
צעשניידן מיט בליקן דעם נעפּל פון בליאיקן אויפגאַנג,
וואָס ליכטיקט די אויגן מיט האָפענונג אַנטקעגן
אין גאַנג
אויף די ווייט אויפגעקייטלטע וועגן,
אַז ס׳ווערט מיין נשמה דערהויבן פון גאָט.

אין טעג פון אויפבלי אונטער זון,
גיי איך אַרום אין דער וועלט,
אַזוי ווי אַ פאַסטוך מיט רו אין די טריט,
אויף דער רייפקייט פון מאַי אין דעם פעלד,
און זינג פון דערגרייכונג, אַ ליד נאָך אַ ליד.
זינג איך פון אַנזאָג פון פרייד,
וואו ס׳ווערט אויך די זון איבער ווינקלען צעשפּרייט,
וואָס איז דאָ פאַר מיר ווי געוועזן אַוועק.
און כאַטש טיף אין מיין זעל,
נאָך פייניקט מיך שטיל אַלץ דער צער,
פון נעכטיקע וועגן באַדעקט מיט געפאַר
אַריבערצוטרעטן אַ שוועל;
זע איך אין זוניקע טעג,
אַזוי ווי דער בויער דאָס אויפבלי פון שפע אין פעלד:
— עשירות צעשיינט אין דער וועלט.

איבער בערג און טאָלן

איבער בערג און טאָלן, אויף די וועגן פון דער וועלט,
האָב איך אָנגעטראָפן מיינע טעג,
וואו זיי האָבן דאָ, פאַר מיר דאָס לעבן פאַרגעשטעלט,
פאַר מיין בליק, געפאַרעמט דאָס פאַרמעג.

בין איך ווי אַ טראַקטאָר אין געשפּאַן פון טאָג אין גאַנג,
לאָז צום נעכטן איבער — וועלק און פּיין.
וועב ווי אויף אַ קאַנווע אויס מיין לעבן אין געדאַנק,
שניידט מיין וועג אויך אין דער וועלט אַריין.

שיילט אַרויס פון נאַכט זיך אַ באַגין ווען פאַר מיין בליק,
און צעהענגט מיין טאָג מיט קלאַנגען פרייד,
לייג איך אויף מיין וועג אויך איבער טיפן — בריק נאָך בריק,
ניט צו בלייבן פון מיין חלום ווייט.

כאָטש איך בין נאָך ווי אַ שיף אין ים פון שרעק באַוואַכט,
ווער איך ניט פון מי פאַרלוירן שטיל;
גיי איך ווי די שיף, פון זון געפירט אַרויס פון נאַכט,
יעדן טאָג אַנטקעגן צו מיין ציל.

פרילינג

פרילינג!
פאַר די אויפגעמאַכטע פענצטער אין פאַבריק:
אַ וואַלד מיט מויערן, ווי אָפּגעשיילטע פעלזן־בערג,
באַדעקט מיט שטויב וואָס ווינטן טראָגן אָן אויף זיי.
איבער טורעמס, איבער הייזער, שפּיצן זיך קופּאָלן;
פון זיי — דורך קוימען, שלענגלען זיך אַרויס נאָר וואָלקנס רויך
און הייבן זיך געדיכט ווי נעפּלען אויף.
און מיט דעם רויך אין זוניקן בלענד,
הייבט זיך מיט גערויש אַלץ אויף, געבראַזג פון שטאָל און שטיין,
און פאַרשלינגט געזאַנג פון פייגל אין דער הויך,
וואָס בלאָנדזשען אום אין גאַסן פון דער שטאָט.
אַ ווילדער זשומעריי פון עראָפּלאַנען, וועגענער און אויטאָס,
לויפן ווי מיט בייזקייט נאָך דעם טאָג,
וועלנדיק זיין רו פון נידער ביז אין הויך צעשטערן.
פון טראָטואַרן טראָגן זיך אַרויף צום פענצטער פון וואַרשטאַט:
גערויש פון מענטשן יאָגעניש, וואָס ווילן לויפן פון די שאָטנס נאָך אַוועק,
ווי דאָס לעבן וואָלט אַלץ וועלן מיט דעם קלאַנג פון אייל,
וואַרפן אָפּ די העלע שעהן מיט געבייזער צו דער נאַכט.
פרילינג!
זון מיט רויך — אין געפּעכט דורך ווייסע שעהן פון דעם טאָג,
נעפּלען איינגעשניטן פון דער זון אין רוים,
שווימען ווי מיט שרעק אין הויכן איבער מויערן אַ וואַלד.
זון און רויך — גייען פאַר די אויגן מיר פאַרביי,
און שיילן אויס אַ פרילינג מיינעם פון אַמאָל.

פרילינג!
פאַר דעם קליינעם פענצטער פון מיין הויז — אַ געזאַנג:
זינגען פייגל אויף די ביימער, פרייד פון פרילינג שיין!

אויף די ווענטלעך פון מיין קליינער שטוב,
רוען אַפּ נאָכמיטאָג שטראַלן פון דער רויטער זון.
אויף די גאָלד־באַדעקטע פּאַסן אויף דעם דיל,
אין פרייען זשומענדיקן טאַנץ,
פליען זיך ווי אין אַ ראָד אַרום געפאַרבטע פליגן
און טונקען זיך אין שטויב פון זונען־שימער.
ביי דער אויפגעמאַכטער טיר,
אויף דער זון־באַשיינטער שוועל פון אונדזער הויז;
זיצן קינדער, באַרוועסע, מיט רויטע פיסלעך,
שפּילן זיך מיט שפּילעריי געמאַכט זיי פון פּאַפּיר און האָלץ.
פלעכטן קראַנצן אויף פאַר זיך פון בעז און בלומען פריש פון מאַי;
וועבן זיך די פרייד אין העלער שעה פון יוגנט־טעג.
פאַרביי דורך זיי אויף ווייכער גרינער ערד;
שפּאַצירן הינער מיט דער רו אין זייערע פיס,
געהאָרכזאַם און געטריי מיט שטילקייט אין די אויגן;
— נאָך זיי באַגלייט אַ קרייען פון אַ ווייסן שטאָלצן האָן.
אַנטקעגן שטוב, ניט ווייט פון ברונעם אויפן פרייען פעלד;
גייען ווי פאַרחלומטע מיט שטילע טריט, די קי,
מיט קעפּ געבויגענע באַלעקן זיי דעם פרילינג פון דער ערד.
אין מיטן פעלד אין גראָזן טיף, עס ליגט פון דאָרף, דער יונג,
וואָס זינגט זיין בענקשאַפט אויס פאַרנאַכט צום ווייט,
און קוקט מיט רו אין זיינע אויגן צו דעם בלויען הימל,
וואו עס שווימען ווייסע וואָלקנס, ווי די שניי־בערג אויף אַ ים,
און ווערן אין דער הויכער פרעמד צעפּיצלט פון דער זון.
לעבן יונג אויף גראָזן, ליגט אַ ברוינער הונט,
אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אויף לאַפּעס צוויי;
באַוואַכט דעם פרילינג פון דער גרויסער וועלט.
הינטער פלאַכע, ברייטע וועגן ווייט פון שטוב,
אויף די שפּיצן ווי אויף בלויע פעלזן־בערג ווייט פון וואַסער,
ליגט ווי אָנגעשפּאַרט דער זון־צעפלאַמטער הימל,
און קוקט צו מיר, אַ פריידיקער אַראָפּ.

נ. י. 1929

ע כ אָ ס

גייט נאָך דער אומרו פון בהלה קלאַנגען:
— עכאָס פון אַ וועלט צעברענט אויף קויל,
פאַרלעשט מיין טאָג זיך, ווי פון נאַכט געפאַנגען:
בילדער טראָגן זיך פאַרביי מיט גרויל.

ס׳גייט אויף מיין טאַטנס וועלט אין מיין זכרון,
טעג, וואָס נעפלען זיך אַוועק אין ווייט.
אַ פלעמל בלייבט פאַר מיר פון זיינע יאָרן,
ווי אַ נר־תמיד פון זיין צייט.

און נאָך דעם אָפּשיין, ווי פון יענע צייטן,
טראָגט זיך מיט, נאָך מיר פון זיי אַ קלאַנג.
עס נעמט מיין שטאָם מיך ערגעץ אין די ווייטן,
זינגט מיר פון בטחון אַ געזאַנג.

— „איך גיי פון פרעמדן, צו דער פרעמד אַנטקעגן,
לאָז דעם עלנט אונטער מיינע טריט.
צעהענג מיין „חלום״ אויף די הינטערוועגן,
אומרו מאַכט ניט אויף מיין וועג מיך מיד״.

— „איך זוך אין פרעמד, אַן אויפשטייג פאַר מיין לעבן,
פאַר מיין בליק — אַ פרילינג אין דער וועלט.
און וויפל פיין, איך זאָל פאַר רו ניט געבן,
האָט קיין שרעק, מיין טראָט נאָך ניט פאַרשטעלט״.

— „איך גיי און הער ניט אויף, מיין לאַסט צו טראָגן,
דורך דער בריק פון שווערע נעכט און טעג,
ביז זון פון מאָרגן, וועט פאַר מיר צעטאָגן:
— אויפגיין וועט מיין זעאונג אויף דעם וועג.״

ב. י. 1946

ס׳גייט אויף אַ פרילינג

איך גיי צום איבערבוי אַנטקעגן יעדן טאָג,
לאָז צום נעכטן אומרו פון מיין גוף,
און וועג ניט מער די מעשים אויף אַ וואָג,
כ׳גיי צום ליד פון מאָרגן נאָך זיין רוף.

איך גיי אין ניי־באַגין, אַדורך די פרייד פון בלי,
לאָז פון וועלק מיין צער פאַרגיין מיט נאַכט,
און כאַטש איך שלעפּ דאָס לעבן נאָך מיט פּיין און מי,
ווערט אַ וועלט אין מיין געדאַנק דערוואַכט.

פון מיינע אויגן קוקט מיין חלום ניי אַרויס,
אויף אַ וועלט וואָס גייט פאַר מיר פאַרביי;
פון איבער וויטן אָפּגעשיילט פון וועלק־געררויש,
גייט אַ פרילינג אויף, צו לעבן פריי.

עס גייט אַ פרילינג מיר אַנטקעגן פון מיין לאַנד,
וואו די צייט האָט וויסטקייט אָפּגעמעקט,
דערלאַנגט דעם מאָרגן אַקעראייזנס אין דער האַנט,
און די ערד צום אויפגאַנג אויפגעוועקט.

אין טעג פון מאַי

מאַי.
דו האָסט מיט דיין זיידענעם באַריר,
צעעפנט פון דער זון די קוואַלן פאַר דער וועלט.
און פריי
אַרויסגעלאָזט מיט וויאָלעט קאָליר
פון אונטער ערד, באַדעקט מיט שניי;
דעם אויפלעב מיט געזאַנג!
האָט מיט דערפרישונג איבער לאַנד און שטאָט,
פאַר מיר דאָס לעבן אויפגעהעלט,
מיט ליפּן לויב און דאַנק,
פון לעבנדיק־געשריי.

און מיט דיין אויפגאַנג, מאַי,
גייט פאַר מיר אין חלום פאַרבנרייך, די וועלט פאַרביי.
און ווי עס רייסט אַרויס זיך פון דער ערד דאָס גרין,
און ווערט געוואַשן פון דעם טוי אין זוניקן באַגין;
רייסט זיך פון פאַרטילונגען, צערוישט פון לויף, פון ראָד,
אין שטאָט;
אַרויס דאָס לעבן פון דער נידער צו דער פריי,
פון אונטער קוימענס שוואַרצן רויך,
מיט אויגן פייערדיק אין גלי.

מיט יום־טוב־ליד צו דיר, אָ, מאַי,
זינגט דאָס לעבן צו דעם אויפגאַנג פון דער זון אין הויך,
איבער רייפן בלי!
און מיט דעם שפּראָץ פון לעבן אויף די פעלדער, באַרג און וואַלד,
וואָס רייסט זיך אין צעבליאונג צו דער זונס באַריר,
דורשטיק אָן אָן אָפּהאַלט;

גליט מיין בליק צו דיר,
צעצונדן פון דעם פלאַם פון מײַן נשמה אין פאַבריק ביים ראָד,
וואָס האַלט אין טעג פון וואָך פאַרנומען מיט באַשאַף נאָר מיינע הענט,
אונטער ווענט
אין שטאָט.

פון דיין געזאַנג, אָ, מאַי,
גייט פאַר מיר אין חלום פאַרבנרייך, די וועלט פאַרביי.
און ווי עס פאַלן פון דיין הימל אינדערפרי,
שטיקער זון אַריין אין פענצטער אויף די הויכע שטאָק,
פון הייזער און קופּאָלן אויפגעטורעמטע צום הויך,
אונטער וואָלקנס רויך
און קוקן אויף דער שטאָט אַרויס מיט פייערדיקן גלי,
צום נייעם טאָג;
קוק איך היינט מיט אויגן פון בטחון אויפגעהעלט,
און פריי,
אויף מיינע טריט, וואָס שפּאַנען אין דער וועלט,
אין טעג פון מאַי.

ה אָ פ ע נ ו נ ג

זינגט נאָך מיט מיר, אַלץ, אָ דור אין זיין פּיין:
„— וואָס העכער און טיפער, עס נישטערט מיין בליק מער אין הייכן:
די זון זאָל פון מזרח באַדעקן מיר ס׳פּנים מיט שיין,
איך זאָל מיט בטחון נאָר גיין מיט מיין טראָט צו דעם מאָרגן,
וואָס וועט מיך ניט לאָזן, מער פאַלן אין יאוש אַריין.“

זינגט נאָך מיט מיר, אַלץ, אָ דור פון זיין צייט,
„— ווערט קלאָרער דער וועג אויך וואָס וועט מיך פון עלנט באַפרייען,
ווי ס׳האָבן די דורות געשפּונען דעם חלום אין לייד; —
דער טאָג זאָל ווי אומרו פון ים, מיר ניט נאָכגיין מיין לעבן,
די וועלט זאָל ווי געכטן ניט האַלטן מיך פרעמד פון דער פרייד.“

גערדאַנקען בויען מיינע וועלטן אויס

(סאָנעט)

גערדאַנקען בויען מיינע וועלטן אויס,
די זון פון מאָרגן, צייכנט אָן מיין וועג.
מיין האַרץ נעמט אויף די האָפענונג פון טעג,
געבוירן נאָך דער אַרבעט אין מיין הויז.

דאָס לעבן לאָזט פון זויט מיך ניט אַרויס,
ווי דרייסט מיין בליק זאָל רייסן מיך פון צער;
פאַרבלייב איך נאָך ביי שוועלן פון געפאַר,
אין קלאַמערן פון שטאָליקן געברויז.

אין נעצן פון געראַנגלען אין דער שטאָט,
פאַרבלייבן שטיקער פרילינגן פון מיר;
און כאָטש דאָס גליק האָט ניט דערגרייכט מיין טיר,
צעמאָלט ניט מיינע בויאונגען קיין ראָד;

— ווייל פון דעם מאָרגנגלי אויף מיין געזיכט,
גייט אויף מיט מיין גערדאַנק די וועלט אין ליכט.

זאָל זיין

(סאָנעט)

זאָל זיין, דאָס לעבן האָט ניט איינמאָל מיך גענאַרט,
באַגלייט מיט האַרבסט די יאָרן מיינע איבער וועג,
און מיך געהאַלטן איינגעשפּאַנט אין קלעם פון שרעק,
וואָס האָט מיט שווערער לאַסט זיך הינטער מיר געשאַרט.

זאָל זיין, דער אומרו האָט מיך עגבערדיק געאַרט;
— צעוואָרפן נעצן, וואו איך האָב מיין פוס געשטעלט,
איך זאָל אין צוואַנג פון נויט, ניט פעסטיקן מיין וועלט
און ווערן, ווי אַ בוים פון דורשטיקייט פאַרדאַרט.

און אַז די וועלט, האָט פיל אַזאַ ווי מיר געהאַט,
און וועט זיי האָבן נאָך, ניט איינמאָל פאַר איר ציל;
די צייט זאָל ניט פאַרצאַמען אומרו פון איר שפּיל,
און מיין געבוי, צעווייען ווי אין האַרבסט אַ בלאַט;

— פאַרבלייבט מיר נאָך צו גיין צום מאָרגן אָן געשפּאַן;
— ווייל ס׳זיינען טעג מיט יום־טוב, אויך פאַר מיר פאַראַן.

אויסגעחלומט

אויסגעחלומט האָט אין נויט, אַ דור מיך פאַר דער וועלט,
צוגעגרייט פאַר מיר אַ וועג צו גיין,
און די מאָרגנס, ווי די פענצטער פון דער זון צעהעלט,
איך זאָל וואונדער פאַר מיין בליק דערזען.

גיי איך פון אַ וועלט וואָס ליגט פון אָרעמקייט צעשטערט,
אויפגעוועקט אין צער פון ליכט געדאַנק;
— זע איך איצטער זיך אַליין אַ וואונדער אויף דער ערד
ווי אַ באַרג אין זון נאָך נאַכטפאַרגאַנג.

גיי איך דורך די יאָרן פון דער צייט צום ציל געפירט,
לאָז אויף הינטן הענגען אַנגסט פון טעג,
וואו עס האָט קיין פרייד מיך קיינמאָל ניט אין צער באַרירט,
כ׳זאָל פון לאַסט אַרויס אויף פרייען וועג.

שלאָגט ביי מיר אין האַרץ די עכאָ אָפּ פון נייער צייט,
וואו מיין טראָט שניידט דורך די ווינקלען פיין;
פון די טיפן רייסט דער עלנט זיך פון יעדער זייט,
צו דערבויען אויך מיין וועלט אין שיין.

פון די ווינקלען, וואו עס האָט גענאָרעט זיך די נאַכט,
און דער האַרבסט האָט ניט געוואָלט אַוועק,
גייען איצטער אויף באַגינענס פון דער נויט דערוואַכט,
און צעטראָגן ס׳ליד פון אַנהויב טעג.

אויסגעחלומט האָט אין נויט, אַ דור מיך פאַר דער וועלט,
צוגעגרייט פאַר מיר אַ וועג צו גיין,
און די מאָרגנס, ווי די פענצטער פון דער זון צעהעלט,
איך זאָל וואונדער פאַר מיין בליק דערזען.

איך צייל ניט

איך האָב ניט געציילט מיינע טעג פון די נעכטנס,
וואָס זיינען מיט לאַסטן דורך חורבות פאַרביי;
וואו ס'ליגן נאָך וועלטן און וויאַנען אין ווינקלען,
און קענען פון האַרבסטן ניט ווערן נאָך פריי.

איך האָב ניט די וועגן באַדעקט מיט קיין שרעקן,
געלאָזן קיין שפור פון קיין צער אין מיין טראָט,
כאָטש היימלאָזע שאָטנס פון נעכטיקע לעבנס;
— געדרייט האָט די נויט זיי אַרום אין אַ ראָד.

אויף חורבות פון וועלטן, בין איך דאָך געבוירן,
געאָטעמט די לופט נאָר פון זשאַווער און רויך,
דאָס לעבן ווי האַרבסט, האָט באַדעקט מיין נשמה,
פאַרשטעלט מיינע מאָרגנס, מיט וואָלקנס אין הויך.

בין איך מיט דער זון פון באַגינען דורך כמאַרעס,
געקומען פון נאַכט צו מיין פרילינג אַרויס,
עס זאָל מיר דער אויפגאַנג צעצינדן די אויגן,
און גיין איצט אַנטקעגן די טעג פון גערויש...

און זיין ווי דער חלום פון דורות געשפּונען;
— געחלומט אין ווינקלען פון צער און פון פּיין;
— אַ קינד אויף די חורבות געבוירן אין שרעקן,
זאָל שפּאַנען מיט אויפבלי אין לעבן אַריין.

איך צייל ניט דאָס בייטן די טעג זיך אויף מאָרגנס,
דעם האַרבסט פון די נעכטנס פאַרגליווערט אין שרעק;
— אַז ס'זינגען אַנטקעגן מיר יונגע באַגינענס,
און פירן מיין טראָט צו אַ ליכטיקן ברעג...

פרילינג אין פעלד

מיט בליקן, דערהויבן פון הויך,
ווי פליגל אין פלאַטער אַרום פון אַ טויב,
צו דער זון איצט געווענדט:
בין איך מיט אַ שטילן לויב
אַן אָפּגעשטויבטער פון דער וואָך און רויך, —
פון שאָטנס אָפּט פאַרשטעלט,
אַוועק פון מויערן און ווענט
פון שטאָט
אין פעלד.
זינג איך מיט דעם מאַי אויף ווייכער ערד,
נאָכן ריטם פון מיין טראָט,
פון קיינעם ניט געשטערט,
אַ יוגנטדיק געזאַנג.
און פון גראָז דער ווינט
באַרשט אָפּ פון מיין געדאַנק
די זאָרג און פּיין.
די זון מיט גאָלדיקן באַריר
גלעט דאָס האַרץ מיט פרייד אין מיר
אין טאָג פון שיין,
און פאַרשפּילט מיר מיט געזאַנג מיין עול אַצינד,
ווי אין אַ חלום אין מיין יוגנט וועלט.
און דער וואַלד מיט אויפגאַנג־צווישטשעריי
זינגט דאָס ליד פון מזרח־ווינט:
זינגט מיט אויפלעב אַזוי פריי,
דאָס לעבן איצט פאַר מיר פון פייגל־פרייד.

מיט יום־טוב און מיט רו באַקליידט,
זינגען ביימער נאָך פון זון איר גאַנג
און ווערן פון דעם טאָג ניט מיד אַלץ פון געזאַנג,
אַז עס דאַכט זיך אין דעם ליד,
ווי שווייגן פון די גראָזן זינגט אויך מיט.
איז מיר גוט צו זיין אַ גאַסט אין פעלד,
דערפרישט פון מאָרגן־גלי,
מיט לויב צו נייעם אויפבלי
פון דער וועלט.

אין וועלטן

איך גיי אַרום אין מיינע אויסגעטראַכטע וועלטן
וואָס מיין יוגנט האָט ניט אויפגעהערט מיר וועבן;
און די געדאַנקען, פונקט ווי מיינע פרילינג יאָרן,
גייען ליכטיק אויף אין מיר מיט נייעם לעבן.

און מיט דעם ליכט פון מיינע מאָרגנס אין די אויגן
נישטער איך אַרום דאָס לעבן אין די ווינקלען;
פון איבער ים און לאַנד, פון אַלע פרעמדע ווייטן,
שווימען בילדער מיר פאַרביי מיט טאָג און פינקלען.

איז גוט צו זיין היינט, אויך דער זינגער אויף די וועגן,
און צו בליקן, ניט מיט שרעק אויף הויך און נידער;
פאַר מיינע אויגן גייען אויף מיר נייע וועלטן,
— וואו דער אַקער־אייזן, ווערט באַגלייט מיט לידער.

צו דערגרייכונג

כאָטש אומעט האָט אין ווינקלען מיך דערצויגן,
און די נויט האָט ניט געקאַרגט מיר פּיין,
עס זאָל קיין פרייד ניט אויפגיין אין די אויגן:
— טאָג זאָל מיך ניט וועקן מיט קיין שיין.

צעהענג איך בענקשאַפט אויף די הינטער־וועגן,
לאָז דעם יאוש אונטער מיינע טריט,
און גיי ניט איינמאָל נאָך, די פרעמד אַנטקעגן
צו מיין וועלט וואָס האָט נאָך ניט צעבליט.

איך זוך און זוך, דערהויבונג אין מיין לעבן:
— אויף דער ערד אַ שפּור פון אָנהויב פרייד,
און וויפל מי, איך זאָל פאַר רו ניט געבן,
גיי איך מיט מיין גלויבן ניט געשיידט.

איך גיי און ווער ניט פריי פון לאַסט צו טראָגן
דורך דער בריק פון מיינע נעכט און טעג:
ביז ליכט פון מאָרגן, וועט פאַר מיר אויך טאָגן:
— און דערהויבן מיך פון שווערן וועג.

אין שעה פון ליכט

ווערט אַמאָל אין שעה פון ליכט מיר אַ געדאַנק געבוירן:
— צו געשטאַלטיקן מיין לעבן אין דער וועלט.
ווערן דאָ באַלד נאָענט פאַר מיין בליק די ווייטסטע פרעמדן,
כאָטש פאַר מיר איז נאָך די ווייט מיט בערג פאַרשטעלט.

טראַכט איך ניט פון נויט וואָס האָט באַגלייט שוין מיינע וועגן,
— טעג וואָס האָבן ניט דערפירט מיך צו אַ ציל.
האָב איך אין מיין אומרו, גיט פאַרזען די שיין פון מאָרגן,
און געבליבן מיט מיין ליד אין בענקשאַפט שטיל.

פאַר די אויגן הויבן אָן פאַרבייצואיילן בילדער,
ווי אין זון־בלענד, ווייסע טויבן אין געלויף,
און זיי נעמען מיך אַוועק אין לעגענדאַרע לענדער,
וואו גבורה הויבט זיך אונטער שיין ניט אויף.

ווער איך מיט דער פרייד פון טאָג אין הויכקייט מיטגעריסן;
— זע דאָס לעבן האָט פאַר מיר דאָ אויך באַשייד,
שוועב איך ווי אַ טויב באַשיינט פון זון אין ווייטע הויכן,
ווער געלייטערט פון געזאַנג אין מיינע רייד.

נאָך דעם געקלאַנג פון דער וואָך

נאָך דעם געקלאַנג פון דער וואָך,
ביים גרענעץ פון מיין קומענדיקן יום־טוב,
— ווער איך אָפטמאָל ווי מיט בליאַסק אין בליק פון ליכט
אין הויכן דערהויבן.
שטיי איך מיט מיין קאָפּ געהויבן אין דער הויך
איבער ערדישע שרעקן פון לעבן,
וואָס לויערן איבער מיר
אין געראַנגל מיט דער נויט,
אין טעג אָפּגעגעבענע צום אייזן און שטאָל.
עס טראָגן געדאַנקען, בשורות מיר אָן, —
פון פרילינגן פאַר נייע מאָרגנס;
— גרוסן פון ווייטע צעליכטיקטע הויכן
איבער פריי־באַזינגטע וועלטן.
גיי איך אויף, ווי פאַר זיך אַליין אַ געלייטערטער אין שיין —
ווי נאָך אַמאָל געבוירן אויף דער ערד —
און פיל ניט אַ ווייל דעם תהום פון צער און פּיין
אויף ווייטן, פאַר די טריט.
גיי איך מיט דער גרויסער פרייד אין האַרץ פאַראויס,
אויף אייגן־אויסגעטראַקטע וועגן,
מיין חלום אויסצושפּילן אין די נייע טעג,
וואָס וועלן אייגן מיר זיין אָן אומרו, אָן געשריי,
— און זינג פאַר דעם עלנט אין דער וועלט
דאָס ליד פון ניי־געבוירן לעבן:
וואָס קומט אַנטקעגן מיר אין וועג.

ביז שלאָגן וועט די שעה

ביז שלאָגן וועט די שעה
פון אויפגיין פון מיין וועלט,
און דער טאָג, מיט אַ זון־צעפלאַטערטן ווינט,
וועט צעפיצלען נעסטן פון די קראָען
וואָס פלאַטערן מיט האַרבסט איבער מיר,
פאַרשטעלנדיק די שיין פון מיין בליק;
— וועל איך ווי אַ גבור, יעדן וואונד אין מיין האַרץ,
טראָגן אויף די וועגן פון מיין צער
און שווייגן ווי דער בוים אין ווינטער שטום...
— אָבער אין מיין אומרו פון מיין זעל.
וועל איך ווי דער פרילינג, אונטער פראָסטיקער ערד,
גרייטן צו פאַרטרייבן וועלק פון איבער מיר,
איך זאָל מיט אויגן, ליכטיק און פריי,
אַנטקעגן גיין די שפע פון מיין טאָג.

גלויבן באַלייכט מיר מיין וועג

נאָך שוועבן אַרום מיר,
אומעטום סודות, און אומעטום שאָטנס,
וואָס הילן אין גרויקייט מיך איין;
קוק איך מיט אויגן פון זון נאָך צעצונדן,
און וואַרף אויף זיי אַלע מיט שיין.

נאָך שוועבן אַרום מיר,
אומעטום סודות, און אומעטום שאָטנס,
דאָך, גלויבן באַלייכט מיר מיין וועג,
פריידיקער וועט מיר מיין גיין צו דעם מאָרגן,
און העלער די נעכט ווי די טעג.

צום ציל

מיט פוס־טריט, ווי עכאָס, פון פרילינג געזאַנגען,
מיט אויגן — פאַרטאָגן און פריי,
באַטרעט איך די וועגן, פון צער נאָך צעהאַנגען
און מאָל זיך מיין וועלט פון דאָס ניי.

כאָטש פיין לאָזט די טעג ניט פון נעכטן פאַרגעסן —
די נעכט, אָן די שעהן פון רו;
וועקט מיך בטחון פון דורות געירשנט,
צו קומען צום ציל מיינעם צו.

דער מאָרגן צעעפנט דאָס ליכט פון די וויטן
און שטעלט דאָ דאָס לעבן מיר פאָר;
— מיט הייליקן אויפבלי, באַרייכט מיט קאָלירן,
מיט זון איבער מאַי אַזוי קלאָר.

עס וועקט אין מיין האַרץ זיך אַ ליד מיט פאַרלאַנגען
און נעמט מיך פון עלנט אַוועק,
וואו נויט האָט אין ווינקלען געצאַמט מיר דאָס לעבן,
מיט אומרו באַדעקט מיינע טעג.

די מאָנונג הייבט אָן שוין פון שווייגן וויברירן,
און שטויבט אָפּ דעם האַרבסט פון מיין זעל.
צעשטאָלט איצט צום אויפבוי מיין יעדערן אבר
און שלייפט אויס געדאַנקען מיר העל.

עס ווערן די אויגן אין אויפגאַנג צעצונדן,
מיין בליק ווערט מיט גלויבן באַגלייט —
און וואָס עס קומט אונטער אין גאַנג אויף די וועגן,
צעזינגט זיך פון שניט־צייט — די פרייד.

ידיעות

לזכרון
מיין שוועסטער פייגע,
מיין ברודער בערלען און משפחה,
אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

ק ל אַ נ ג ע ן

קלאַנגען,
טראָגן זיך נאָך אויף מיין וועג.
זיי קומען און שווימען צו מיר מיט אַ שרעק
און מורמלען צו מיינע געדאַנקען:
— „עס קאָן ניט די רו מער געפינען קיין אָרט,
אונטער אַ שיין פון אַ שטערן.
די עכאָ פון חורבות פאַרגייט ניט פון דאָרט;
— וועלטן צעבראָקלטע ווערן“.

קלאַנגען,
טראָגן זיך נאָך אויף מיין וועג.
ניט בלויז אין דעם אָוונט, נאָר אויך דורך די טעג,
איך ווער אין אַ פּחד געפאַנגען;
— „דער טאָג ווערט געבוירן מיט נעצן פון רויך,
אַז זון זאָל ניט פאַלן אויף וועגן,
געוויין זאָל פון טיפן ניט גרייכן צום הויך;
— נויט זאָל די לופט ניט צעזעגן“.

קלאַנגען,
טראָגן זיך נאָך אויף מיין וועג.
און מאָלן אַ בילד מיר פון גרוילעכע טעג,
וואָס זיינען אין פלאַמען פאַרגאַנגען;
— „דער ווינט האָט פאַרלוירן זיין נעסט אין דעם רוים;
איז רייסט ער פון טיפן דאָס שווייגן...
פאַרבלייבט פון חלומות ניט מער ווי אַ שוים:
— נעסטן — צעבראָכענע צווייגן“.

ג. י. 1944

ידיעות

איך האָב דערהאַלטן פון אַ קרוב היינט ידיעות אין זיין בריוו,
וואָס האָבן מיר שוין אָנגעזאָגט אין שריפט, פון ווײ און בראַנד:
— „די שטאָט צעבראָכן ליגט, מיט חורבות איינגעגראָבן ביז אין טיף,
פאַרבליבן איז בלויז פון אַ היים — אַ שטיקל וואַנט.״

„די גאַסן האָבן אויך פאַרלוירן דאָ די נעמען פאַר מיין אויג;
משפחה איז ניט צו געפינען ערגעץ־וואו,
און כאָטש איך גיי און גיב זיך ביי אַ חורבה נאָך אַמאָל אַ בויג,
דערהערט ניט קיינער דאָרט מיין נאָמען פון דער רו...״

— „געזוכט דיין שוועסטער אין דער היים;
געלעגן איז דאָס הויז, אין שטויב.
דיין ברודער איז אַוועק וואו אין געהיים,
מיט פייער נאָכן שטנס רויב...״

„איך האָב געוואָלט פון זיי געפינען ערגעץ אַ געביין;
ניט געזען קיין סימן מער פון זיי;
אַוודאי אויך דאָס לעבן שוין פאַרביי,
און אויף אַ קבר ניט געלאָזט נאָך זיך קיין שטיין.״

— „קינדער קליין און גרויס, פאַרלוירן ערגעץ ווי אין ים,
צי אויסגעלאָשן די נשמה אין אַ פלאַם?
צי גאָר אַנטלאָפן צו דערהאַלטן אונדזער שטאַם?...״

איך לייען און שווער איז מיר דעם אמת צו באַנעמען אין געדאַנק,
ערשט נעכטן, דאַכט זיך, האָב איך זיי געהאַט נאָך אין פאַרמעג,
ווען ס׳איז פאַר מיר געוועזן די וועלט שוין באַלד אַן אָנהויב פון געזאַנג,
געחלומט נאָך צו טרעפן זיך מיט זיי אין יום־טוב־טעג;
— באַטרעטן נאָכאַמאָל די שוועל פון וואַנען כ׳בין אַוועק,
באַגלייט מיט ברכות פון די קרובים אויף מיין פרעמדן וועג.

איך לייען די שורות און עס אַנגסט מיין האַרץ פון ווײ,
ווערטער שטעלן זיך פאַר מיר אַוועק אין בילד ;
— צעטראָגט זיך איבער מיר פון עלנט אַ געשריי,
און ווערט ניט, ווי דער ים, אין שוויגן איינגעשטילט :

„די אויגן דיינע זיינען קלאָר, צו קוקן אויף דעם אונטערגאַנג,
וואו ס׳איז ניט קאַרג געווען די ערד פאַר אונדזער גוף...
דער הימל האָט פאַרמעקט דעם טאָג, געשטערט די פייגל דאָס געזאַנג,
ווען ס׳האָט דורך הויכן זיך געשניטן אונדזער רוף״...

נ. י. 1947

קלאַנגען, טרייבן רו פון מיר אַוועק

קלאַנגען, טרייבן רו פון מיר אַוועק ; —
„— ווי וואָלט איך וועלן ס׳זאָל אַצינד מיין לעבן, בלויז אַ חלום זיין.
ניט קוקן אויף דעם טאָג וואָס האָט געשלייערט זיך מיט נאַכט,
אַז ס׳האַרץ מיינס איז געוואָרן מיר אַ נעסט אין אַנגסט, פון טיפער פיין,
און ס׳ווייזט די וועלט פאַר מיר נאָך מיט דער שאַרף פון שטאָל, איר מאַכט״.

קלאַנגען, ציטערן אין לופט פון שרעק ; —
„— ווי וואָלט איך וועלן ס׳זאָל אַצינד מיין לעבן, בלויז אַ חלום זיין.
פאַרצערן זאָל דער שלאָף מעת־לעתן מיר אויף פרעמדער ערד,
איך זאָל אין חלום זען, איך בין ניט דאָ געבליבן בלויז אַליין ;
— ווען קיינער האָט דעם וויי פון גרויל, פון רשעות ניט דערהערט.״

בריוו אײנס

איך נעם ווידער דעם בריוו אין מײַן האַנט —
אַ בריוו פון דעם חורבהדיק לאַנד. —
עס שרײַבט מיר מײַן ברודער פון יענער זײַט ים:
— „ווען ליכט זאָל ניט שײַלן די נאַכט אין פאַרטאָגן,
וואָלט שווער מיר געווען די מעת־לעתן צו טראָגן,
דורך חורבות און אומקום די לאַסט פון מײַן שטאַם;
— דאָס ראַנגלען מיט שרעק זיך דורך טעג און דורך וואַכן;
פאַרמעקט וואָלט געווען אויף מײַן פּנים דער פּײַן,
פון ווינקלען וואו ס'ווערט הײַנט דאָס שווײַגן צעבראָכן,
און לאָזט ניט אין הויז מיר קײן רו מער ארײַן".

איך לײען אין די שורות: — אָ, טעג אָן אַ היים!
— „פאַרמעקט האָט די צײַט הײַנט, מײַן פוס־טראָט אויף וועגן,
ניטאָ ווער, בײַ וועמען אויף רו זיך דערפרעגן;
— איך זאָל ניט אין עלנט פאַרגײן אין געהיים.
איך בין מיט מײַן גלויבן צום מאָרגן געבליבן,
צוריק ניט צו גײן צו דעם נעכטן מיט שרעק;
איך וואָלט דיר, מײַן ברודער, נאָך מער איצט געשריבן,
אָ, מוז איך שוין לײגן מײַן פעדער אוועק".

מײַן ברודער, ניט פרעמד איז דײַן שרײַבן צו מיר,
עס זײַנען געקומען ידיעות פון ווײַטן;
— „צוריק איז דאָס לעבן צו גאָר אַלטע צײַטן"
— „ווען ס'האָט נאָך געווילדעט דער לײב און דער טיר;
די וועלט האָט געבוירן אומרײַנע געשטאַלטן,
זײ זאָלן צעשטערן וואָס זי האָט געבויט;
— די נאַכט האָט געענדערט — די זון צו באַהאַלטן,
די ערד זאָל מיט בלוט מײַנעם פאַרבן זיך רויט".

מיין ברודער, ניט פרעמד איז דיין שרייבן צו מיר,
— „געוואָלט האָט גבורה דאָס לעבן רעגירן,
מיין דור זאָל פון טאָגן אין פינצטער פאַרפרירן.
דער ווינטער זאָל פראָסטיקן גרוילעך און פריר,
דעם שטאָם און די וואָרצלען אין טיף צו פאַרדאַרן,
צעפאַלן זאָל גלויבן ווי בלעטער אין ווינט,
צערייסן די קייט איבער וועג פון געפאַרן,
אַרויס צו די פרעמדן פון דורות צעבינד".

איך לייען פון צווישן די שורות אין בריוו,
די מאַנונג, מיין ברודער, צו מיר פון דער טיף.
— „דאָס לעבן זאָל הערן דעם ווײ אין מיין שטאַנד,
דערבליקן דעם אומקום אין קלאָמער פון שווייגן;
— די היימען, וואָס ליגן אין חורבן, אין בראַנד,
ווי נאָך אַ טאָרנאַדע — צעבראָכענע צווייגן.
געוואָרן ניט איינמאָל די וועלט מיר דערווידער,
צו קוקן ווי ס'ווערט אַלץ מיין בנין צעשטערט;
— פאַר פחד איך האָב ניט פון אויפלייז גענידערט,
דער סוף פון מיין שטאָם זאָל פאַרגיין פון דער ערד".

ג. י. 1941

בריוו צוויי

איך נעם ווידער דיין בריוו אין מיין האַנט,
און קוק אויף די שורות מיט שוויגן און שרעק;
— ידיעות באַשרייבן מיט שוידער דאָס לאַנד,
פון וואַנען איך בין אין מיין יוגנט אַוועק.

— שווימען איצט בילדער פאַרביי אויף פּאַפּיר,
מורמלען מיט אויגן אָן אָטעם צו מיר.

— „דער אָנהויב האָט וועגן אַרויס צו דער וועלט,
די פרעמדן צו בינדן אַרום אויף דער ערד.
האָט אומרו דאָס לעבן אין פרילינג צעשטערט,
דעם אָפּשיין פון אויפטאָג מיט וואָלקן פאַרשטעלט".

— „דער ווינט בלויז צעטראָגט פון די וויסטן דעם קלאַנג,
די צייכנס — מעת־לעתן — פאַרפרעמדט פון דער רו,
אין ווינקלען וואו לעבן נאָך צאַנקט אין פאַרגאַנג,
און נאַכט דאָרט דערלאָזט ניט אָן אָפּשיין מער צו".

— „צעהענגט אין געוועב זיך פון שאָטנס אַ טאָג,
באַהאַלט זיך די זון הינטער בערג פון דער נאַכט,
די וועלט זאָל אין ליכט ניט דערזען נאָר די פּלאָג,
וואָס האָט אין די חורבות אַ דור אומגעבראַכט".

— „דערהויבט זיך צו הימלען פון אומקום געוויין,
נעמט אויף דאָס דער ווינט בלויז און טראָגט דאָס אַרום;
— די וועלט האָט צעלייגט אויף איר האַרץ איצט אַ שטיין,
און בלייבט צום געבעט נאָך אַלץ פּראַסטיק און שטום".

— שווימען די בילדער פאַרביי אויף פּאַפּיר,
מורמלען מיט אויגן אָן אָטעם צו מיר.

נ. י. 1942

מיין טאַטנס בילד

איך האַלט אין מיין האַנט,
פון מיין טאַטן דאָס בילד,
וואָס וואוינט שוין ניט מער איצט ביי קיינעם אין לאַנד.
די אויגן אַן לשון, זיי רעדן צו מיר,
אַן סימן פון מורא אין בליק;
— פון חורבן, גירושים און קידוש־השם אויך פון פריר;
פון לעבנס צעשטערט אויף זיין וועג אַזוי ווילד, —
די אויגן, צוויי עדות, פון נדר ניט אונטערצוגיין;
„מעג זיך צעפאַלן פאַר מיר נאָך — אַ בריק נאָך אַ בריק,
וואו בלייבן איך זאָל, צו אַן אַנהויב אַ נייעם צו גיין".

די אויגן אַן לשון זיי רעדן צו מיר,
פון לעבן פון זיינעם פון שרעק הינטער טיר:
— „אומרעכט פון דער וועלט,
האָט מיך, אויך געהאַלטן אויף דער ערד אין ווינקלען פרעמד,
אַן אַ סימן פרייד פאַר מיינע אויגן ווען צעהעלט.
געגאַנגען בין איך מיט מיין יאוש אויף דעם וועג פאַרשעמט,
מיט לאַסט פון דורות הינטער מיר, באַשווערט פון טאָג,
וואָס האָט געוואויגן מיר אַלץ מיין באַשאַף ווי אויף אַ וואָג".

און ווי עס רוט ניט פון מיין חלום איין, מיין בליק אין גאַנג,
וואו איך זאָל ניט נאָכגיין שטיל מיט מיין געדאַנק;
דערהויבן זאָל מיך שוין די וועלט, פון איר חרטה פון דער טיף;
ווי דער ים, די זון באַגינען אויף אַ זעגל פון אַ שיף;
— וועקט דער גלויבן פון אַ מאָרגן אין מיין האַרץ געהיים,
נאָך דעם קלאַנג פון דער צוואה פון מיין טאַטנס היים;
— „בלייב ניט אין דיין גירוש אין דער פרעמד מיט יאוש שטיין,
און וואַרטן ביז די נאַכט וועט איבער דיר פאַרגיין".

אין אויפגאַנג פון דער זון

דער טאָג, צעפלאַמט גייט אויף;
צעריסן ווערט די נאַכט פון רויטן ראַנד
וואָס שווימט פון ווייטן־טיף אַרויף אין הויך
מיט שווייגן פון דעם גליענדיקן סוד
צו באַשיינען ים און לאַנד.
איך וויש די אויגן שטיל מיר אויס פון שלאָף
און קוק אַרויס מיט חידוש אויף דער וועלט.

— אונטער פענצטער און טיר,
געבוירן ווערט מיט פלאַמען איצט די שטאָט,
באַדעקט מיט רויט־בלויען רויך
ווי אַ ברענענדיקע חורבה אויף אַ באַרג.
דער בליק פון דער זון איבער מיר
צעליכטיקט דעם רוים
און מעקט אָפּ פון מויער און וואַנט
שאָטנס נאָך שאָטנס פון נאַכט,
וואָס האָבן די וועלט ווי באַוואַכט.
פאַרשרפּעטע וואָלקנס פון דעם הימל־זוים
צערייסן זיך און פאַלן אויף דער שטאָט אַראָפּ
און צינדן אָן די שויבן פון קופּאָל און הויז, —
דעם טורעם־שפּיץ וואָס טונקט אין פייער איין זיין קאָפּ.
קוקן פון די פענצטער פלאַמען צו די ווייט אַרויס,
ערגעץ איבער וועגן פון דער וועלט,
וואָס האָט מיט רויך ניט צוגעלאָזט פאַר זיי אַ שיין,
צו ווערן פון דער זון אין מיטן טאָג באַהעלט.
— קוק איך איצט אין קלעם פון גרויל אין ווייט אַריין,
וואו דאָס לעבן איז פאַרביי אַ שרפה אויף דער ערד,
און שטיקער פון מיין וועלט געלאָזט אין וויסט צעשטערט.

שרייבט מיר אַ קרוב...

— „די שטאָט.
די גאַס? —
וואָס האָסט ווי דיין פּאַרמעג נאָך אין געדאַנק געזען; —
איז אויסגעמעקט, ווי קיינמאָל ניט געווען...
ניטאָ שוין מער דאָס הויז,
וואו דו ביסט געבוירן געוואָרן, —
וואו ס'האָט נאָך די באָבע מיט שמחה געבראַכט,
דיין מאַמע אַהער אויף דער וועלט,
זי זאָל דיר פון טרויער און פרייד דורך די יאָרן,
זינגען בטחון אין אַ ליד אויף איר שויס.
זינגען פון פרילינג, פון אויפגאַנג נאָך נאַכט;
אַ ליד פון דיין אומה אין שיין נאָר צעהעלט:
— אַ תפילה צו גאָט".

— „די שטאָט.
די גאַס? —
וואָס האָסט ווי דיין פאַרמעג נאָך אין געדאַנק געזען; —
איז אויסגעמעקט, ווי קיינמאָל ניט געווען...
ניטאָ שוין מער דאָס הויז,
וואָס איז ווי אַ דעמב פאַר דער זון ניט פאַרשטעלט
געשטאַנען פאַרוואָרצלט, מיט רחבות דורך יאָרן,
פון וואַנען עס האָט נאָך מיט שבת באַהעלט,
געשיינט דאָרט דורך טעג פון דעם יאָר.
כאָטש פרייד איז פון דחקות פאַרמינערט געוואָרן,
האָט אַלץ נאָך געטראָגן געזאַנג זיך אַרויס,
אויף וועגן וואָס האָבן געפירט נאָר צו גאָט,
— אַ דור נאָך אַ דור."

1947 .ג. י

שוועסטער

שורות אויף פּאַפּיר צעשטעלט אין ריי,
ניט קלאָר די ווערטער אין דיין בריוו.
שיילן בילדער זיך אַרויס פון זיי,
דערהויבן זיך צו מיר פון טיף.

ביי דיין שוועל געשטאַנען איז דאָס גליק,
גענומען קלאַפּן אין דער טיר;
— אָנגעצונדן האָט די זון דיין בליק,
צעגאָסן פרייד אין האַרץ ביי דיר.

יאָרן האָבן דיך געבראַכט צום טרוים,
וואָס האָסט געחלומט אין דיין נויט,
צו דיין ציל ביסטו דערגאַנגען קוים,
דורך וועגן — איבער שרעק און טויט.

טאָג איז אויפגעגאַנגען אין דיין הויז;
— די ווינקלען — האָט „אַ שיין" באַרירט,
ביסט מיט פרילינג צו דער וועלט אַרויס;
— צום יום־טוב דיינעם ניט דערפירט.

מיטגעגאַנגען איז די פרייד ניט לאַנג;
דאָס „גליק" האָט ניט געהאַט קיין צייט.
מיט דער זון אין וויטן אונטערגאַנג,
פאַרגאַנגען איז דיין „חלום" ווייט.

שאָטנס האָבן זיך צעלייגט אין וועג;
דאָס ליכט פון טאָג פאַר דיר פאַרמעקט,
אין די ווינקלען אויפגעגאַנגען שרעק,
מיט פּחד דיר דיין בליק באַדעקט.

ווינט און פייער אין געיעג דורך נאַכט,
האָט אין געלויף, דיין וועלט צעברענט;
— אַלע לאַדנס פון באַגינען צוגעמאַכט,
געקלאַמערט דיך — אין געטאָ־ווענט.

שורות אויף פּאַפּיר צעשטעלט אין ריי,
די ווערטער אין דיין בריוו ניט פיל;
— שיילן בילדער זיך אַרויס פון זיי,
און ווייגען, וויינען פאַר מיר שטיל.

ג. י. 1942

עס שרייבט מיר, דער זון פון מיין שוועסטער

„דיין בריוו, האָט פון טיף מיך דערהויבן צום טאַגיקן שיין;
באַפרייט איז אין עלנט געוואָרן מיין פּנים פון פּיין.

— איך קען דיך נאָר בלויז, פון דיין בילד אויף דער וואַנט,
וואָס איז דאָרט געהאָנגען ביי אונדז אין דער שטוב אין אַ ראַם;
— „דאָס איז דאָך מיין ברודער, פון וויט פרעמדן לאַנד,
וואו ס׳האָט אים דאָס לעבן פאַרטראָגן נאָך יונג איבער ים.“

— נאָך הער איך אין פרעמד אַלץ דעם קלאַנג פון די רייד,
וואָס ס׳האָט מיר מיין מאַמע דערציילט מיט אַ פרייד.

דיין בריוו, האָט פאַרמעקט פון מיין פּנים דעם טרויער פון טעג
וואָס האָבן דורך יאָרן, מיט רו ניט באַגלייט מיך אין וועג.

— מיין היים איז פאַר מיר בלויז אַ חלום אַצינד.
געבליבן מיר איז אין זכרון מיין יוגנט מיט וויי.
איך טראַכט אַלץ, וואָס זיינען געוועזן מיינע זינד,
מיין וועלט זאָל אין חורבות שוין האָבן פאַר מיר דאָ פאַרביי.
— געבליבן איצט בין איך מיט גליק זיין צעשייד,
און טראָגן אין האַרץ פון מיין מאַמע די לייד...“

ג. י. 1946

אותיות

אותיות, געציילטע אויף פּאַפּיר אין בריוו,
באַשריבן מיט דעם אָטעם פון מיין שפּראַך,
האָט ניט איינמאָל מיך אין זיי פאַרזונקען טיף,
געלאָזן מיך אָן שלאָף אין אָונט וואַך.

נאַכט נאָך נאַכט, עס פינטלען אותיות אין געדאַנק,
די אויגן בלענדן פון געלויף פון בילד,
יעדעס וואָרט, אָן אויסגעשריי פון אונטערגאַנג,
וואָס לאָזט מיין בלוט ניט ווערן איינגעשטילט.

„ברודער מיינער! איבער לאַנד און איבער ים,
די שנאה זוכט נאָך פאַר מיין טראָט אַ סוף,
איבער מיר פאַרגייט אַלץ ניט אין וועג דער פלאַם,
וואָס רייסט מיט בייז זיך איבער מיר אַרויף".

„עלנט אין די ווינקלען, פּראַסטיק פון דער וועלט,
פאַרדעקט מיט נאַכט דעם חורבן אויף דער ערד.
האָסט די זון, אָ, גאָט! פאַר מיר בייטאָג פאַרשטעלט,
פון טיפן מער מיין תפילה ניט דערהערט".

„וואָיעט איבער מיר רציחה הינטער ווענט,
און רייסט די ערד פון אונטער מיינע פיס;
חרוב ווערט מיין טאָג אָן משפט מיר פאַרלענדט,
שנאה עגבערט מיין נשמה מיט אַ שפּיז".

„נאַכט מיט שאָטנס איבער גרוב און איבער שטיין,
באַגלייט האָט מיך סכנה אויף מיין טראָט,
כאָטש אַ שטערן האָט געוואָרפן מיר אַ שיין,
געווען איז ניט אין דעם דער בליק פון גאָט".

„פלאַם פון שטיקער פייער פון אַ שוואַרצן הויך,
צעשניטן האָט מיין בליק פון שלינגען ליכט.
שרעק האָט אין אַ צוואַנג געהאַלטן מיך אין רויך,
ווי אין אַ חושך אונטער טיפן שיכט".

„פּחד האַלט מיך היינט נאָך, ענגער אין זיין ראַם,
און לאָזט ניט פון זיין נעץ מיך מער אַרויס.
לעבן מיינס, דו ביסט ווי אויף אַ ברעט אין ים,
וואו ס'לעשט דער טאָג זיך אויף דער חורבה אויס".

אַזוי גיי איך און טראַכט

אַ שיף,
איינגעשניטן אין די כוואַליעס טיף,
אין אָרעמס פון דעם ים,
וואָס שווימט און וויגט זיך צו אַ ברעג,
באַגלייט פון ווינטן צו דער ווייט,
אַנטקעגן מאָרגן־פלאַם.
— אַזוי גיי איך און טראַכט:
בין איך אויף דער ערד,
פון פרימאָרגן ביז ביינאַכט,
מיט מיין בליק
וואָס בלאָנדזשעט אום אין וועג,
פאַרפרעמדט פון גליק
און קאַרג מיט פרייד,
מיט רו געשיידט
און ניט דערהערט
אויף דער ערד.

ביינאַכט

(סאָנעט)

און ווער איך אין מיין הויז אַמאָל פאַרהילט אין פינצטער פון דער נאַכט,
איך ליג מיט זיך אַליין אין שוויגעניש אויף מיין געלעגער מיד,
עס הייבט פון אַנגסט די אומרו אין מיין האַרץ צו קלאַפּן ווי אַ שמיד,
פון נאָך מחשבות ניט באַרואיקטע וואָס ווערן אויפגעוואַכט.

צעשיילט זיך פון אַ נעפּל פאַר מיין בליק, אַ פּנים אין מיין הויז,
איך הויב אָן פילן ווי עס ווערט מיין האַרץ פאַרנומען פון אַ שרעק;
— עס שניידט פאַר מיר אין צימער דורך דאָס פינצטערניש—אַ בלאַסער פלעק,
צעהענגט דאָס שוואַרצע שוייגן פאַר מיין בליק נאָך סודותדיקער אויס.

עס קוקן, טאַטע, דיינע טיפע אויגן אומעטיק אויף מיר,
ווי כ׳האָב אַמאָל ביים „זיי־געזונט״ געטאָן אַ וואָרף מיין בליק אויף דיר,
און קנייטשן צער פון פיין, אויף דיין פאַרטראַכטן פנים כ׳האָב דערזען.

און קוקנדיק אויף דיר מיט שרעק, דערהער איך ווי אין ווערטער־קלאַנג,
ווי ביימער אין אַ וואַלד פאַרכאַפּט פון ווינט אין זומער־אונטערגאַנג;
— אין דעם געוויש, אָ, טאַטע, בלייבסטו מיט דייך טרויער פאַר מיר שטיין.

ביים יאָרצייט-ליכט

(סאָנעט)

מיט פליגלען פון אַן אָדלער און מיט אויגן פלאַמיק אין דער נאַכט,
ביסטו געקומען מיט אַ ווינט צורייטן אויף אַ שוואַרצן פערד;
— פאַרלאָשן פון מיין מאַמע, ניט דערבליטער לעבן אויף דער ערד,
און מער צעעפנט נאָך פאַר מיר, די פרעמד צו גיין פון פיין באַוואַכט.

איז גוט וואָס קומסט צו מיר, מיט פלעמלעך ליכט צו גאַסט איעדן יאָר,
דעם טאָג פון טרויער צו באַהעלן כאָטש מיין הויז מיט בלייכער שיין;
ווערט נאָגנדיק די בענקעניש וואָס קומט צו מיר אין האַרץ אַריין;
— פון קוקן ווי ס׳גייט אויף פאַר מיר איצט דיין נשמה אַזוי קלאָר.

ניט אויסגעמעקט אין מיין זכרון איז ביי מיר אויך דיין געשטאַלט,
וואָס ליכטיקט פאַר מיין בליק נאָר ווי אַ שטערן פאַר מיין אָוונט טראָט,
ווי כ׳זע דיך שטיין ביים פלעמל דאָ מיט שבת, ווי געבענטשט פון גאָט,

און מעג דיין ברכה נאָכגיין מיר אין וועג ווי אַ געזאַנג אין וואַלד;
— מיין לעבן זאָל ווי די לבנה אין אַ ברונעם שיינען העל;
— איז שווער מיר צו פאַרמעקן צער וואָס האַלט זיך אויף נאָר אין מיין זעל.

איך לייען

— און אָפן פאַר מיר ליגט אַ בלאַט פון מיין שטאַם;
געשריבן, איך זאָל דאָס דערזען אין מיין טראַכט;
— אַרויס איז ניט איין מאָל אַ דור פון אַ פלאַם,
פאַרצוקט ניט געוואָרן אין רויך און פון נאַכט.

צעשיילן פאַר מיר זיך חלומות — אין שיין;
— בילדער פון אָבות פון אוראַלטע יאָרן,
ביז טעג צו מיין קומען צום חורבן און פיין,

שטייען פון קידוש־השם איצט די בילדער פאַר מיר,
און וועקן עפּאָכעס — נאָך אויף אין זכרון;
— אומקום פון דור נאָך אַ דור הינטער מיר.

גייען געשטאַלטן פאַר מיר איצט פאַרביי,
פון זקן, פון ווייב און פון קינד מיט געשריי,
וועקן דעם גרויל פון גערעאַנגל אויף וועגן,
וואו ס'איז דאָך געבוירן דער חלום פון זיי,
צו ווערן אַמאָל אין די „פרעמדן" — פון גרענעצן פריי
און גיין שוין דערהויבן צום יום־טוב אַנטקעגן.

נאָך הער איך אין שוויגן, אַ גלויבן אָן רייד,
וואָס האָט מיך דורך חורבות פון זיי ניט געשיידט;
— „איך זאָל מיט באַשאַף צו דערלייזונג דערגיין
און בויען פאַר מיר און פאַר דורות מיין וועלט". —
בויען, וואָס זאָל ניט אין טראָט דורך מעת־לעתן געשען,
כאָטש וייטן נאָך ליגן פאַר מיר אויף מיין וועג,
מיט חורבן און אומקום, מיט ווילדקייט פאַרשטעלט.

צעבלעטערט פאַר מיר ליגט, אַ בלאַט פון מיין שטאַם,
געשריבן איך זאָל דאָס דערזען אין מיין טראַכט;
— אַרויס איז ניט איין מאָל אַ דור פון דעם פלאַם,
פאַרצוקט ניט געוואָרן אין רויך און פון נאַכט.

— גיי איך ווי זיי היינט דורך פיין פון די טעג,
נאָך טריט פון מיין דור צו דערגיין צו זיין ציל,

און צייל ניט די מיילן מיט חורבות געלאָזן אין ווייט,
צו קייטלען אויף ווייטער דעם רינג פון מיין שטאַם,
וואָס האָט ניט געלאָזט מיך מיט ליד מיינעם שטיל;
— גיי איך דורך פרעמדן און פרעג ניט פון שרעק און פון צייט,
ווי ס'פרעגט ניט די שיף אויף קיין רו ביי דעם ים.

עס האָט מיך ווער

עס האָט מיך וועך אין הויז היינט אין דער שטומער נאַכט,
דאָס האַרץ מיר איינגעוויגט אין שטראָם פון פרייד און רו,
און עפּעס אומבאַוואַכט
אויף ווייטע וועגן מיך מיט מיין געדאַנקענגאַנג,
פאַרטראָגן פון דער בידער איבער ימען ערגעץ וואו;
— צום עכאָ פון אַ יובלדיקן פריי געזאַנג.

עס האָט צעשיינט אין פאַרבן זיך פאַר מיר אַ בילד;
— די זון געפינקלט האָט פאַרטאָג אויף טוי אין פעלד. ,
דעם ווי מיר איינגעשטילט,
דאָס פּנים מיינס באַלעבט מיט פרילינג פון מיין פּיין;
אַרויסגעפירט מיך פון די חורבות אין אַ נייער וועלט,
וואָס האָט פאַר ווייט און הויך געטאָגט מיט שיין.

פון אונטער דעם כתב אין דײַן בריוו

פון אונטער דעם כתב אין דיין בריוו,
וואָס ציטערט אין האַנט פון באַריר,
צעוויקלען זיך בילדער פון טיף
און מורמלען מיט עלנט צו מיר;

— „אָ, וויפל דו האָסט שוין געלייענט דאָרט אין בלאַט,
איז אַלץ ניט דער אָנהייב פון פּיין, פון פאַרגאַנג.
געווען איז רציחה פון רשעות דער טאַט,
סכנה געהאַלטן האָט מיך אין געפאַנג“.

„מיין היים איז געוואָרן, אַ חורבה אין שטויב,
אין וואַלד מיין געלעגער, פון הפקר באַוואַכט.
די וועלט האָט געשוויגן, געווען צו מיר טויב;
דערוויל האָט דער שטן, אַ דור אומגעבראַכט“.

„פּאַלט האַרבסט פון די הימלען און וויקט דורך די וועלט,
דאָס לעבן גייט דורך ווי דער נעכטן אָן ענד.
דאָס בייז האָט אָן אויפגיין מיט וואָלקן פאַרשטעלט,
די ערד מיט איר פרילינג, מיט פייער פאַרברענט“.

פון אונטער דעם כתב אין דיין בריוו,
וואו כ׳קוק אויף די שורות מיט שרעק,
צעוויקלען זיך בילדער פון טיף;
יתומים עס וואַגלען אין וועג.

„דער טאָג איז געוואָרן אין אויגן מיר פרעמד,
מעת־לעתן, זיי האָבן צעשטערט מיר מיין שלאָף,
פון ציילן די שעהן, דאָס האַרץ מיינס עס קלעמט,
און פינצטער דער הימל, צו קוקן אַרויף“.

„בלויז ווי איז דאָס וואָרט, וואָס עס מורמלט מיין מויל,
געדאַנקען נאָר זוכן מיין חטא אויף דער ערד;
— געעפנט זיך האָט אַ תהום מיט אַ גרויל,
מיין אומה זאָל ווערן אין אים שוין צעשטערט".

„איך קוק אין דער פינצטער און זע דיך אין בליק;
אַ ים האָט אונדז ביידן, אָ, ברודער צעשיידט.
איז גוט וואָס דו ביסט ניט געקומען צוריק;
— כאָטש איינער זאָל פרעגן פון אומברענג באַדייט".

פון אונטער דעם כתב אין דיין בריוו,
צעטראָגט זיך געוויין אין אַ ווינט;
צעוויקלען זיך בילדער פון טיף:
— פון זקן, פון ווייב און פון קינד.

מיין שאָטן ציילט מיר מיינע טריט

מיין שאָטן ציילט מיר מיינע טריט
און האָט פון זיי קיין חשבון אַלץ נאָך ניט געמאַכט.
ציילט און ציילט און שאַרט זיך נאָך און טראַכט
און ווערט פון ציילן גאָר ניט מיד.
גייט מיר נאָך מיין שאָטן אויף די וועגן
וואו איך שטעל אַוועק מיין טראָט;
ווערט ניט איין מאָל אין מיין גאַנג,
דאָס האַרץ פאַרנומען מיר פון שרעקן
פון באַהאַלטענעם געדאַנק;
— פון זיין סוד.

ביי דער מאַשין

טיילמאָל,
איז מיר גוט צו זיין
פאַרהאַרטעוועט מיט מיין מאַשין,
ווי איין שטיק שטאָל.
— קוקן אויף דער בלאַנקער נאָדל אין געבלענד,
וואָס טאַנצט אויף דעם געוואַנט
און שאַרט זיך נייענדיק אַרויס פון מיינע הענט.
קוקן אויף דער נאָדל, ווי זי פלעכט די פעדים איין
און פאַרנייט און שטעפּט מיט זין
און פאַרטיקט אויס אַ נייע זאַך.
אַט אַזוי אין רוישן פון פאַבריק,
קלייבן זיך צונויף אין מיר אין שטאָליקן געקלאַנג,
ווי טויבן נאָכן טאָג — אין טויבנשלאַג:
— געדאַנקען, אָן אַ ציפער פון די טעג און נאַכט
פון מיין פריידיקן אַמאָל פון יוגנט אויפגעוואַכט,
איבער בערג און טאָלן אויף מיין שליאַך,
און זונען אויף פאַר מיר אַ חלום פאַר מיין בליק,
ווי אין אַ ראָם באַרינגלט מיט אַ רעגנבויגן שיין.
לויפן ווי די פעדים־שטעך אין ריי נאָך ריי;
— טעג פון אויפבלי זינגענדיק פאַר מיר פאַרביי,
און ברענגען בענקשאַפט אין מיין האַרץ אַריין.

גייען אויף פאַר מיר ווי אין אַ גאַרטן פייגל אַנגעפלויגן;
— בילדער וואָס דערפרייען מיט אַ ליכטיקייט די אויגן,
ווי עס וואָלטן זון־באַגילטע הימלען פון אַמאָל,
אַריינגעקוקט אין מיין נשמה נאָכאַמאָל,
און אויפגעוועקט אין מיר אַ נאָגנדיק געזאַנג,
און צוריק געבראַכט אַט יענע טעג פון לאַנג.

— — — — — — — — —

טעג פון יענע יאָרן,
וואָס ווילן ניט אַרויס פון מיין זכרון, —

טעג, וואָס האָבן איצטער אויסגעקאָסעט, יונג און גרייז,
געגערט מיט זיי די ערד נאָר ווי מיט שפּייז;
— נעמען צו פון מיר דאָס לשון ביים מאַשין,
איך זאָל אַ ליד פון צייט־פּאַרטרייב ניט זינגען;
שרעק פון חושך איז צו מיר אַריינגעדרינגען,
און פאַרטראָגן איבער חורבות מיך אין ווייט אַהין...

טיילמאָל,
איז מיר גוט אַזוי צו זיין
מיט מיין מאַשין ווי איין שטיק שטאָל.
פאַרקוקן כאָטש אַ ווייל דאָס פּנים פון דער וועלט,
— די קאַלטע, ווילדע, צייט.
בויג איך איין מיין קאָפּ
און קוק מיט פּחד אין מיין בליק,
ערגעץ אויף אַ חורבה שטום אַראָפּ,
וואָס האָט מיך אָפּגעטיילט פון חורבן ווייט.
איך זיץ און שטעפּ און קוק אויף דעם געוואַנט
און זע די זון ניט אין פאַבריק.
טרויער פון מיין צער פאַרשטעלט די שיין,
איך זאָל ניט זען דעם דרויסן פריי־צעהעלט,
וואָס רייסט זיך נאָר מיט זון אַריין אין מיינע אויגן;
— ווי נאָך אַ שטורעם אויף דער ערד אין הויך אַ רעגנבויגן.
איך זיץ און ניי און זע די שיין ניט פון דער וועלט,
וואָס וויל מיט בלענד פאַרדעקן חורבות פון דעם בראַנד;
— געראַנגל פון מיין אומה אין גיהנומדיק געפאַנג,
וואָס האָט שוין דאָרטן אויסגערויכערט די נשמה פון מיין היים,
וואו געשטאַנען איז מיין וויג באַהאַנגען מיט געזאַנג;
— פון מסירת־נפש פון מיין פאָלק אויף פריי און אין געהיים
און וואַנדער איבער ים און לאַנד.

ש נ א ה

(סאָנעט)

אָ, וואו עס זעט מיין בליק נאָר טאָג, אין וועלכע זייט;
צעטראָגט זיך אויפברויז אויף דער ערד אַנטקעגן מיר,
ווי כ'וואָלט געווען דער האַרבסט ביי טויער און ביי טיר;
— וואָס טראָגט דעם גרויל פון אומברענג פון דער ווילדער צייט.

עס לאָזט די וועלט מיך נאָך אין קלעם אין ווינקלען ווייט,
פאַרשעמט פון בליק צו מיר, פון שנאה אין געדאַנק;
— עס רייסט דער מאָרגן מיך פון טיפן אין געפאַנג,
דאָס בייז זאָל ניט פאַרשלונגען פון מיין ליכט די רייד.

דאָס לעבן מיינס זאָל ניט דערטראָגן וואו אַ וואָרט,
די וועלט זאָל הערן טריט פון חורבן גיין פאַרביי,
וואָס הייבט מיט אָטעם אויף די פיין אָן אויסגעשריי.

און כאָטש איך האָב נאָך ניט דערבליקט פון רו קיין אָרט,
דעם ווייטיק פון מיין דור — דערפילן זאָל די וועלט,
פאַרגיי איך דאָך ניט ווי מיין שטאָם פון נאַכט פאַרשטעלט.

די זון אין פאַרנאַכט

(סאָנעט)

מיט פייער־בערג צעבערענטע, איינגעהילט אין רויך,
צעפּאַלט דער טאָג מיט פלאַמען אין דער ווייטער טיף;
עס שווימט די זון אַוועק, ווי אויף אַ ים אַ שיף
און לאָזט דעם חושך אונטער זיך צעשפּרייטן הויך.

עס לאָזט די זון ניט פאַנגען זיך אין נעץ פון נאַכט,
און טראָגט אַנטקעגן אויך אין ווייט פון טאָג איר שיין,
דאָס לעבן זאָל ניט מער אין פלאָנטער נאָך אַריין,
און פון געראַנגל דאָרט ניט ווערן אומגעבראַכט.

ניט איין מאָל, האָט אַ פלאַם פון טאָגיקן פאַרגאַנג,
צעצונדן ערב־נאַכט, די תבואה אויף אַ פעלד
און ווי געוואָלט פאַרברענען וואָרצלען פון דער וועלט.

און אפשר וואָרנט דאָס דער פלאַם, דעם ווילדן פאַנג;
דעם גיריקן געיעג פון רשעות אויף דער ערד,
וואָס וויל, די וועלט זאָל ווערן נאָכאַמאָל צעשטערט?

ביים ברעג פון ים

פאַר מיינע פיס;
ליגט דאָס האַרץ פון דער וועלט;
— דער ים.
וואַרפט זיך שוימיק אין דער זון דאָס וואַסער,
בייז און ווילד אַן אויפהער,
ווי מיט צאָרן נאָר געטריבן,
פון דער טיף־אַרויף אין הויך,
צו דעם אויפגאַנג פון דער וועלט.
שלאָגן זיך כוואַליעס, מיט די ברעגן פון ערד,
וואַרפן מיט אומרו, דעם וויסט פון די ווייטן,
און טראָגן פאַנאַנדער אין לופט, אונטער הויכן;
כאַאָס פון לעבן.

טראַכט איך, פון דער בייזער צייט,
וואָס האָט מיך געבוירן, צו גיין איצט פאַרביי אירע טעג.
העלפן באַשרייבן, אַ בלאַט — פון מעת־לעתן פון אומקום;
— פון רשעות, גירושים און קידוש־השם פון מיין אומה,
עס זאָל אויך דער טאָג, פון דעם מאָרגן, אין ליכט דאָס דערזען...
טראָגן אַצינד מיך געדאַנקען אַוועק;
איבער דעם מדבר פון ים,
וואו פרעמד נאָך עס זיינען, ביי כוואַליעס אַ רגע פון רו.
זע איך,
פונקט ווי מיינע טעג;
צעשפּרינגען זיך די וואַסער־הויכן;
הייבן און צעגיסן זיך אַראָפּ נאָר ווי פון בערג.
שטורמען וואַסער־פעלזן צו דער הויך,
און פילן אַן דעם רוים מיט שנאה און מיט שרעק.

אָטעמט אויס דער חלל — אומרו פון דער וועלט,
וואָס וויל זיך ניט באַרואיקן פון אויפבוי און פון אונטערגאַנג,
אין מיינע טעג פון קינות און פון טרויער.

פאַר מיינע פיס;
ליגט דאָס האַרץ פון דער וועלט;
— דער ים.
פיל איך אין געררזיש,
ווי עס הייבן זיך נאָר איבער מיר אין שיין פון טאָג;
הענט. בייזע, ווילדע הענט,
ווי אומצוברענגען, לעבנס און פאַרמעג,
און פאַרצוימען אוצרות פון דער וועלט.
שטילט זיך אַלץ ניט איין דאָס האַרץ אין מיר,
ווי דער ים דאָ, פאַר מיין בליק...
טראָגט אַוועק מיך מיין געדאַנק אין פרעמדן וויסט,
צו צעווייען נאָך מיין אומרו אין די ווייטן,
וואו עס שפּיגלען אָפּ זיך זעאונגען פאַר מיינע אויגן;
— וואָסער — בערג אין אויפברויז פאַר מיין נייעם טאָג
וואָס הייבן איבער זיך געררויש
אַרויף פון טיפע גרונטן פון דעם ים,

— וואָסער — בערג אין אויפברויז,
לאָזן מיך פון אומרו ניט אַוועק;
איבער שטורעמדיקע וואַסער־פאַלן,
קוקט אַרויס פון זייערע שוימען אין דער זון;
— אַ שאָטן פון מיין לעבן,
פון דעם עלנט אין די שווערע שעהן;
ווי איך האָב געוואָלט דערהויבן זיך פון נידער.
הויבן זיך מיט מיינע וויזיעס אין מיין בליק,
ווי די זון אין נייעם אינדערפרי.

קלאַנגען אין דער נאַכט

טײלמאָל אין געראַנגל פון לבנה־שײַן,
גײ איך איבער גאַסן אין דער שטאָט,
די לבנה נאָך ביז שפּעט אין נאַכט,
באַדעקט מיט שװײַגן פון דער בלענדענדיקער שעה,
װי רו פון מאַי איז לאַנג שױן איבער הײזער דאָ.
איך הער, מיר דאַכט, און הער זיך אײַן;
עס שנײַדט זיך װי אַ װינט אַדורך פון װײַט,
מיט טיפן טרױער אין געװאָי באַגלײט; —
קלאַנג נאָך קלאַנג, װי עפּעס פון אַ װידערקול;
— װערטער, װערטער ניט פון הי,
װי דערשעפּט פון פּײַן און מי,
װערט דער אומרו פון בײטאָג, װי נאָכאַמאָל
אין אָװנט איבער מיר מיט טומל אױפגעװאַכט,
אין גאַסן פון דער שטאָט.

עס פאַלט מײַן בליק מיט שרעקן אױף דעם װעג,
ערגעץ בײַ אַ מױער אױף דער פינקלענדיקער ערד,
אױף אַ ציטער פון מײַן שאָטנס פלעק,
װאָס שאַרט זיך נאָך מיט שװײַגן אין מײַן גײן,
װי איך װאָלט פאַר מײַנע פיס, מיט אױפפלאַם װאָס דערזען...
װערט מײַן האַרץ פון אַנגסט באַשװערט,
פון טראָגן איבער מיר זיך — קלאַנג נאָך קלאַנג,
װאָס װײנט פון גרױל אַלץ אין דער נאַכט אַרײַן,
און װעקט מיט פּחד אױף מיר מײַן געדאַנק:
— עס מוז דער װײ פון דיר, מײַן ברודער זײַן.

בלויז איינער

— „די נשמה פון מיין שטאַם,
האָט דערהויבן מיך פון חורבן און פּיין,
וואו מיין וועג איז געווען נאָר אין פייער אַריין,
איך זאָל זיך דערזען אין דעם אייגענעם פלאַם.״

אָ, עטלעכע שורות, זיי בלענדן מיין בליק;
— בלויז איינער, פון מיין משפחה־פאַרמעג,
וואָס איך האָב געציילט נאָר ווי ליכטיקע טעג; —
איז קיינער פון זיי מער פאַרבליבן ניט הי.
— געבראַכט האָט דאָס לעבן אַ קרוב צוריק,
צו טראָגן פאַר דורות, דעם גרויל אין געדאַנק;
וואו נאַכט האָט פאַרדעקט אים דאָס ליכט איינדערפרי,
די וועלט זאָל פאַרקוקן זיין טאָג אין געפאַנג.

— דאָס זאָגט די ידיעה מיר אָן,
וואָס רשעות מיט אים האָט געטאָן, —

— „די נאַכט, ווי מיט אַ האַנט,
האָט געפירט מיך דורך חורבות און שרעק,
ווי אַ שיף אויפן ים, דורך שטורעם באַכאַנאַנד,
וואו חושך האָט שיין ניט דערלאָזט אויף מיין וועג.
מיין בליק האָט געבלאַנדזשעט צום הימל אַרויף,
גאָט זאָל דערזען שוין מיין צער אויף דער ערד; —

רציחה זאָל מער שוין ניט האַלטן מיט פחד די אויגן מיר אויף,
וואו אונטער מיין טראָט איז פון פייער דער באָדן געוואָרן צעשטערט.״

— און ווייטער עס זאָגט די ידיעה מיר אָן:
— „און איך בין געבליבן מיין חוב איצט צו טאָן, —
די וועלט זאָל פון שאַנד,
ניט פאַרמעקן דעם בראַנד.״

דערמאָנט זיך היינט נאָך ווער אָן מיר?

דערמאָנט זיך היינט נאָך ווער אָן מיר,
פון די גרוי־פאַרנעפּלטע געשטאַלטן,
וואָס האָבן קינדיש מיר אַזוי די גרויסע וועלט באַזונגען,
מיט מיר געפּרייט זיך אין די שבת־טעג?
דעם אומעט פון דער וואָך, פאַר מיר באַהאַלטן
און פאַרווישט מיט שווייגן, טרויער פון די אויגן,
אַז שיינען זאָל די היים, וואו ס׳איז מיין וויג געשטאַנען,
בענטשנדיק דעם טאָג פון מיין געבוירן;
— איך זאָל קיינמאָל זיך ניט פילן אין אַ גויט פאַרלוירן,
ערגעץ אויף אַ ווייטן, פרעמדן וועג?

דערמאָנט זיך היינט נאָך ווער אָן מיר,
פון די גרוי פאַרנעפּלטע געשטאַלטן,
וואָס האָבן אין אַ שעה פון רו, מיין יוגנט אויסגעזונגען,
אויף געסלעך אויסגעטאַנצט מיר זומער־טעג?
דעם עלנט פון מיין אומה ניט באַהאַלטן,
ווען עס איז פאַרביי אַ וואָלקן פאַר די אויגן.
ניטאָ שוין ווער, וואָס האָט ניט דאָרט אָן מיר פאַרגעסן,
אָנצורופן נאָך מיט פרייד מיין נאָמען;
ס׳ווייסט דער טויט אַליין ניט, וואו ער האָט זיי צוגענומען,
ניט געלאָזט אַ סימן אויף זיין וועג.

נאָכן זומער

צערוישן זיך בלעטער און פאַלן פון ביימער,
די ערד ווערט פון זומער צעשיידט;
דערהער איך אין ווינטן, די קלאַנגען פון נעכטן,
וואָס האָבן אין וועג מיך באַגלייט;

מיט ברכות פון לעבן, געבענטשט מיינע יאָרן,
באַזונגען מיין פרילינג מיט ליד.
פאַרביי זיינען טעג איבער בערג דורך דעם זומער,
וואָס האָבן מיין בליק מיר צעגליט.

דאָס לעבן געשפרייזט האָט פאַרביי פאַר די אויגן,
און הימל צו ערד האָט געלאַכט,
די טעג מיר אויף וועגן מיט פירות צעהאַנגען;
מיט שטערן געצונדן די נאַכט.

צעליכטיקט די היים וואו מיין וויג איז געשטאַנען,
געטראַכט האָט נאָך ווער דאָרט פון מיר;
געטראָגן מיט בענקשאַפט מיין בילד אין זכרון,
געוועזן נאָך מיט מיר אין באַריר.

די טעג יענע זיינען אין וועלק זיך צעגאַנגען,
מיין חלום אַוועק איז מיט באַנג.
נו, בין איך אַצינד אויך ניט איינזאַם געבליבן
און זינג מיט דעם האַרבסט מיין געזאַנג;

פון טעג בלויז פאַרוועלקטע, פון רעגן צעשווימען,
וואָס גייען מיט עכאָס פאַרביי,
פון נעכט, וואָס צעלייגן זיך שווער איבער הימלען
און לאָזן פון בענקען ניט פריי.

גרוסן

— געלייענט פון דיין בריוו די געדאַנקען,
די שורות, וואָס דו האָסט געשריבן;
— „אַ וועלט איז געווען און פאַרגאַנגען
— און איך, בין אויף חורבות געבליבן.״

— „פון הינטער פאַרלאָזענע וועגן,
געקלאַמערט אין אָרעמס פון פלאָגן,
צעטראָגט זיך דער פּיין איבער ברעגן;
ווי שווער איז אין בריוו דאָס צו זאָגן״;

— „די ערד איז צעאַקערט פון פייער;
דער פרילינג אַוועק איז אין ווייטן,
דער האַרבסט זאָל פאַרבלייבן אַ פרייער,
פאַרהאַלטן דאָס בלי אויף די קווייטן״.

— „דער ווינט, אַלץ ער רוט ניט אין דרויסן,
און לאָזט זיך אין נעצן ניט פאַנגען,
טראָגט מיט פון די ימים דאָס רדישן;
— די נעכטנס אויף חורבות פאַרגאַנגען״.

— „דער עלנט, וואָס ציילט ניט קיין שעהן,
און גייט נאָך מעת־לעתן אין שווייגן,
ער קען ניט דעם אומעט פון קראָען,
אויף שאָטנס פון לעבנס צעלייגן״.

— „אין טיפע, פאַרבאָרגענע ווינקלען,
צעטליעט דאָס ליכט פון פאַרטאָגן;
וואָס קען ניט מיט פינצטער פאַרזיגלען;
— דאָס וואָרט זאָל מיט שיין זיך ניט טראָגן״.

— „וואו ס'הענגט נאָך דער צער אויף די וועגן,
פון גרויל וואָס די וועלט וויל ניט הערן,
און ס'זוכט נאָך דאָס רשעות ביי ברעגן,
די בריק צו דעם מאָרגן צעשטערן". —

— געלייענט פון דיין בריוו די געדאַנקען,
די שורות, וואָס דו האָסט געשריבן;
— „אַ וועלט איז געווען און פאַרגאַנגען
— און איך, בין אויף חורבות געבליבן."

אָ פ ט מ אָ ל

אָפטמאָל,
ווען איך ליג אַ מידער שוין ביינאַכט
אויף מיין געלעגער אויסגעשעפּט
פון טאָג געפּילדער;
געפאַנגען פון אַ טרויעריקן געדאַנק —
פון בילדער...
— זע איך נאָך אַמאָל,
ווי כ'ווער אַלץ ווי באַוואַכט
מיט אומרו פון מיין שאָטן אויף דער וואַנט
און פון זייגער נאָכאַנאַנד,
וואָס קלאַפּט מיר אויס די טריט פון גאַנג —
פון דער שרעק וואָס קומט צו מיר אין הויז,
שפּאַצירט אַריין זיך פריי
צו מיר אין גוף
און וועקט די וואונדן מיינע אויף,
אין יעדן גליד
און שפּילט אויף זיי
דאָס ליד —
פון וויי אַרויס.

אַן עכאָ

אָ ווײ פון אַ בריוו, וואָס איך טראָג אין געדאַנק
און לאָזט ניט די רו אין מײן האַרץ מיר פאַרבײ,
נאָך האַלט מיך, ניט אײן נאַכט מיט צער אין געפאַנג
וואָס לאָזט אַן געשטאַלטן מיך שעהן ניט פרײ.

געשטאַלטן, וואָס זײנען געוועזן מיר באַקאַנט,
געשײנט פון דער פרײד פון מײן יעדן באַריר;
באַגלײט מיך מיט ברכות אין פרעמד־װײטן לאַנד
און קײנמאָל פאַרגעסן צו בעטן פאַר מיר.

מײן בליק אין דעם שװײגן, דערזעט זײ אין פײן;
זײ שאַרן אַרום זיך פון גאָט ניט דערהערט,
מיט אויגן וואָס זוכן אין פינצטער אַ שײן,
און סיהאָט ניט אַ װינקל פאַר זײ מער — די ערד.

אין שװײגן דערהער איך פון זײ קוים אַ וואָרט,
ווי ס׳וואָלטן בײ זײ ניט געוועזן מער קײן רײד:
— „צי האָבן שוין מיר אין דער וועלט ניט קײן אָרט?
און ווערן דורך פײער פון לעבן געשײדט.“

פון מערב צום מזרח אַנטקעגן

מיט האַרבסט אין די אויגן,
איז דער נעכטן אַוועק פון דער וועלט,
ווי אַ זקן מיט טרויער צום נידער געבויגן;
געלאָזן אַלץ לעבנס ביי מיר אין זכרון,
אַזוי ווי מצבות צעשטעלט;
— יאָרן נאָך יאָרן.

בלייבט מיר צו גיין פון מיין דור ניט געשיידט,
ניט ציילן די וועגן פון דערנער און לייד,
נאָר קוקן מיט אַנהויב צום הויך פון דאָס ניי:
— צו ס'שיילט זיך אַ מאָרגן אַרויס אין דער פריי,
מיט פליגלען פון זון אויפגעוואַכט
אַריבער דעם חושך פון נאַכט.

גיי איך מיט גלויבן;
מיט גייסט פון מיין אומה דערהויבן,
פון מערב צום מזרח אַנטקעגן,
מיט חלום פון דורות באַגלייט,
דורך חורבות און פיין איבער וועגן,
דערגרייכן דעם אָנזאָג פון פרייד;
— מיין טאָג, זאָל ניט זיין מער אַ האַרבסטיק פאַרגאַנג,
מיט אומרו אין טראָט און מיט שרעק אין געדאַנק.



אינהאַלט:

זייט

צו דיר, מיין אסתּר מלכּה — — 3
אָפּטייליגונגען — — — — — — 4

I. אַ יורש פון מיין שטאַם

אומרו — — — — — — — 7
געזאַנגען — — — — — — 8
אין דערהויבונג — — — — — 9
אין דער פרעמד — — — — — 10
אַ יורש פון מיין שטאַם — — 11
ליכט פון מיין שטאַם — — — 12
נאָך אַ מאָל — — — — — — 13
אַ ניגון — — — — — — — 14
ליכט — — — — — — — — 15
זעאונגען 1. 2. — — — — — 16
נאָך אַ טאָג — — — — — — 17
אויפגיין — — — — — — — 18
געזאַנג — — — — — — — — 19
צום מאָרגן — — — — — — 20
געזאַנגען מעקן אָפּ דעם עלנט
פון מיין טיר — — — — — 21
דער וועג צום זיג — — — — 22
געדאַנקען — — — — — — — 23
אין דמיון — — — — — — — 24
אַ שיף — — — — — — — — 25
ציוכנס — — — — — — — — 26
אויף אייגענער ערד — — — 27
מיין וועלט — — — — — — 28
אויף וועגן — — — — — — 29
מיין האָפענונג — — — — — 30
דער ניגון פון מיין האַרץ — 31
איבער ים און איבער לאַנד — 32
צום אויפבוי — — — — — — 33

זייט

II. רות

רות — — — — — — — — — 34

III. פון ווייט צו ווייט

פון ווייט צו ווייט — — — — 41
קלאַנגען פון באַגינען, וועקן מיך
פון שלאָף — — — — — — — 42
אַ שומר — — — — — — — — 43
אין וואַלד — — — — — — — — 44
יאָרן — — — — — — — — — 45
ניט איין מאָל — — — — — — 46
פאַרבוי — — — — — — — — 47
נאָך אַ בלאַט — — — — — — 48
אַ רעגנבויגן — — — — — — 48
איך ווייס — — — — — — — 49
פאַלט אַ שניי — — — — — — 50
ביינאַכט ביים האָפן — — — 51
וואַרשע — — — — — — — — 52
דערוואַרטונג — — — — — — 53
דיין ליד, צו אברהם רייזען — 54
גלויבן — — — — — — — — 56
אין ווינקלען — — — — — — 57
און וואָך נאָך וואָך — — — 57
אין אַ פרעמדער שטאָט — — 58
אָנזאָג — — — — — — — — 60
אַ לייטער — — — — — — — 61
נאָך יעדן אויפבוי — — — 62
יעדן טאָג — — — — — — — 62
מיין ליד — — — — — — — 63
האַריזאָנטן I — — — — — 64
„ II — — — — — 65
לאַסט — — — — — — — — 66

דער ניגון פון מיין ניט באַגעגנטן גליק — 67
מיין שאָטן — 68
הינטער מיר — 69
עס איז מיר ניט שווער — 70
זאָל איך גלויבן — 71
גליק — 72
אין ספרים — 73
אין תפילות — 73
אין שאָטן פֿון מיין לעבן — 74
נאָך ניט דערהערט פון גאָט — 75
פּאַר מיין ניו-יאָר — 76

IV. גערויש אין דער וועלט

אויף דער ערד — 79
אין ביבליאָטעק — 80
ים — 83
ניו-יאָרק — 84
פּאַרטאָג — 86
בלעטער פֿאַלן — 87
ציגל — 88
דער טאַנץ — 91
שטאָט — 92
אויף די קעטסקיל בערג — 94
ברויט — 96
אַ קאַרוסעל — 98.
אַז די אויגן זיינען אָפן — 99
"NIAGARA FALLS" — 100
ווינטער — 102
בלויז אַ שפּיל — 103
אַ פייער — 104
איך גיב אַ טראַכט — 105
אין נאָוועמבער-טעג — 106
אין רעגן — 107
אַ ווינטער פרימאָרגן — 108
באַגלייט מיך דער שניי דורך די גאַסן אַהיים — 109
שניי — 110
שיפן — 112
לויפט אַ באַן פאַרביי — 114

V. אויפן וועג פון דורות

אויפן וועג פון דורות (סאָנעטן-רינג) — 116

VI. זון און רויך

לעבן — 133
מיין בנין — 134
אַזוי בין איך... — 135
אַרבעט — 136
נאָך יעדן אָנהויב — 137
אין שיין פֿון טאָג — 138
וויזיעס — 139
אין פאַבריק 1. — 140
" " 2. — 141
חובות — 141
אינדערפרי — 142
געלויף — 143
מיין פאַרמעג — 144
פריי — 146
בויט — 148
אין שעה פון באַנג — 150
טוילמאָל — 151
פון פרי ביז אָוונט — 152
זונטאָג — 153
מאַי — 154
מיט בטחון — 156
אין אונדזער צייט — 157
דאָס נצחון ליד — 158
און מעגן הינטער דיר — 159
ווינטן — 160
פרימאָרגן — 161
עלנט 1. 2. — 162
אַ טאָג — 163
איך האָב געוואָרט און וואָרט — 164

VII. ווען פרילינג קומט

ווען פרילינג קומט — 167
אין טעג פון אויפבלי אונטער זון — 168
איבער בערג און טאָלן — 169
פרילינג — 170
עבאָס — 172
ס'גייט אויף אַ פרילינג — 173
אין טעג פון מאַי — 174
האָפענונג — 175
געדאַנקען בויען מיינע וועלטן אוים — 176
זאָל זיין — 177
אויסגעחלומט — 178

זייט

איך צייל ניט — 179
פרילינג אין פעלד — 180
אין וועלטן — 181
צו דערגרייכונג — 182
אין שעה פון ליכט — 183
נאָך דעם געקלאַנג פון דער וואָך 184
ביז שלאָגן וועט די שעה — 185
גלויבן באַלייכט מיר מיין וועג 185
צום ציל — 186

VIII. ידיעות

קלאַנגען — 189
ידיעות — 190
קלאַנגען, טרייבן רו פון מיר
אַוועק — 191
בריוו איינס — 192
בריוו צוויי — 194
מיין טאַטנס בילד — 195
אין אויפגאַנג פון דער זון — 196
שרייבט מיר אַ קרוב... — 197
שוועסטער — 198
עס שרייבט-מיר, דער זון פון
מיין שוועסטער — 199

זייט

אותיות — 200
אַזוי גיי איך און טראַכט — 201
ביינאַכט — 202
ביים יאָרצייט-ליכט — 203
איך לייען — 204
עס האָט מיך ווער — 205
פון אונטער דעם כתב אין דיין
בריוו — 206
מיין שאָטן ציילט מיר -מיינע
טריט — 207
ביי דער מאַשין — 208
שנאה — 210
די זון אין פאַרנאַכט — 211
ביים ברעג פון ים — 212
קלאַנגען אין דער נאַכט — 214
בלויז איינער — 215
דערמאָנט זיך היינט נאָך ווער
אָן מיר? — 216
נאָכן זומער — 217
גרוסן — 218
אָפּטמאָל — 219
אַן עכאָ — 220
פון מערב צום מזרח אַנטקעגן — 221

Printed in the U.S.A.
By Grenich Printing Corp.
New York 1, N.Y.